STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00482

DI GOLDENE SHTOT

Aaron Kurtz

Permanent preservation of this book was made possible by Rachel Bashevkin, David Bilmes and Elie in honor of the 20th anniversary of Sylvia Bashevkin & Alan Levy

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרן קורץ

די גאָלדענע שטאָט

לידער און פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן פון
בירא בידזשאַן ברענטש 37,
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1935

הויפּטפאַרקויף:
„מאָרגן־פרייהייט" בוכהאַנדלונג
35 איסט 12טע גאַס,
ניו יארק

Copyright by AARON KURTZ, New York, N. Y., 1935

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
234

פון די אַרויסגעבער:

צוליב דעם ניו־יאָרקישן כאַראַקטער פון דעם בוך זיינען אָהער ניט אַריין קיין לידער און פּאָעמעס אָף אַנדערע טעמעס (יענע ווערק וועלן דערשיינען באַזונדער) אָהער איז אַריין אַ העלפט פון דעם, וואָס כאַ־ווער קורץ האָט געשריבן וועגן ניו יאָרק. קיין גרעסערן באַנד, וואָס זאָל אַריינעמען דעם גאַנצן ניו יאָרקער מאַטעריאַל, האָבן מיר ניט געקענט געבן, ווייל מיר האָבן געוואָלט דער פּאַרקויף־פּרייז זאָל זיין ווינציקער פון אַ דאָלער אָדער — ניט העכער פון דעם.

פון די אַנדערע ניו יאָרקער אַרבעטן וועט באַשטיין דער באַנד 2 אָדער 3, וואָס וועט דערשיינען אונטערן נאָמען: „עמפּייר סטייט".

*

די לידער אין דעם בוך זיינען געשריבן צווישן די יאָרן 1935—1926.

*

הילע און שאַרבלאַט געצייכנט פון יאָסל קאָטלער

א י נ ה אַ ל ט

די גאָלדענע שטאָט 5
באַלאַדע פון דעם אינדזל מיט די רויטע ברעגן 6
צו דיר, מיין שטאָט 8
איך — דיין קלאַס און דו — מיין שטאָט 9
צו די אידן פון גאָלדענעם כאַלעם 10
אָרטשאַרד סטריט 18
מענדל מוזיקאַנט 20
„האָב און גוטס" 31
הונגער אין גאָלדענע צעבערס 32
די לעצטע פּאַר שיך 34
די אידישע וואָוילטעטיקייט 35
די בויערי 38
די גאַס פון בלוט און בלומען 60
דער רוף 62
די „טויטע קראָ" 63
מאָריס לאַנגער 67
שלוימקע דער שניידער 69
ליבער כאַווער יאָסל 70

סטיוו קאַטאָוויס	72
שוסטער סאַקאָ	73
טאָני דער מוליער	74
גידאָ סיריאָ	76
אַלפרעד ליווי	78
„דזשאָרדזש וואשינגטאָן"	79
„בלעק יענק"	83
האַרלעם	85
די הויז־ברעכער	88
ניקלדיקער ברוט	89
סאָבווי	90
די גאָלדענע באַנדע	99
אַוטאָמאַט	101
טישן	106
דער באַנקעט פון געפייגערטן יאַנטעוו	119
עסטעטישער דאַלעס	126
צו אַ זון פון אַ טאַטן	129
דער הילצערנער אינדיאַנער	134
פען־קלוב	136
מאָנומענט	137
מיט ליכטיקע הענט	137
זין פון רויטן וויכער	139
די גלעקער פון ניי־יאָר	140
ערשטער מאַי־רוף	143
גרויסער טאָג	144
אונדזערע זאַץ־מאַשינעס	146
מיין פאַרטיי	148
פלאַקאַט פאַרן ערשטן אַווגוסט	152
באַדי קומט אַהיים	158

די גאָלדענע שטאָט

אזויפיל גאָלד און דאָלעס אין ניו יאָרק.
אזויפיל קאַלטע קיך־טישלעך און טעפּ.
אזויפיל ליכטיק לעבן
אין אָפּגעקראָכענעם קרעפּ. בראָדוויי איז נאָר
א פּאווע־עק,
וואָס דינט אלס יאַנטעוודיקער שלעפּ אין די וואָכעדיקע פּאַראַדן.
העסטער, עלען סטריט און סאָפּאָלק —
אייביק־פּראָיעקטירטע
פּראָמענאַדן! — אין געשלאָסענעם שופלאָד פון
שטאָטישע פּראָבלעמען.
ווייל אַף די קאַנאַווע־געסלעך וואוינען די,
וואָס שליסן קיינמאָל רואיק ניט די ברעמען, וואוינען די, וואָס
ציען אומרואיקע טעג אַף זיך, פלעגמאַטיש,
ווי קאַלטע שטיקער טראַנטעס
אינמיטן ברודנעם, היגן ווינטער. — סטילעט —
מיין פּען! גלוט —
מיין טינטער! (עפּנט אַן אויג — היינע, סערוואַנטעס!—)
דאָס וואָרעמסטע לעבן איז
אין פראָסט פאַרבעט! דאָס ריינסטע — אין בלאָטע!
אָ, מיר, פון שער און אייזן.
אָ, מיר, פון האַק און דלאָטע.
דער פּאווע־עק — בראָדוויי
קען ניט דעקאָרירן און ניט היילן אונדזער וויי. און ניט קומען
וועט ער איינשטויבן די פּעדערן
אַף די אייביק־פּראָיעקטירטע פּראָמענאַדן
און נערוועזיצירן פון
די ברויט־און־בלוט באַלאַדן,
וואָס יעדע שורע איז
א שאַרפע, גליענדיקע פּיקע. אָ, מיר,
פון פּען און פּענטע.
אָ, מיר, שוין פול־דערקענטע,—אין שטאָטישע ארכיוון טריקנט אוים
דער בוי־פּלאַן
פאַר אונדזער נעפּלדיקן געגנט. מיר, וואָס פלאַסטערן די וועגן. מיר,
וואָס בויען־אויף און פּלעגן
ניו יאָרק מיט אונדזער בלוט.

באַלאַדע פון דעם אינדזל מיט די רויטע ברעגן

דער אינדזל מיט די רויטע ברעגן
איז אונדזער היינטיק היים.
מיר זיינען פּערציק ברידער. געפאָרן זיינען מיר אהער,
צו דעם גאָלדענעם אינדזל, צום אינדזל פון
פלוימען מיט שמאַנט.

געווען זיינען
פריידיק די ברעגן אמאָל,
ביז טשיף פּאקאהאנטאס דער לעצטער
האָט זיין זונברוינעם, בראָנזענעם קאָפּ אויסגעשטרעקט
אונטערן האַק פון דער בייטשיקער, גאָלדענער האַנט.

ווען אונדזערע שיפן האָבן געאַנקערט
האָבן מיר געפונען די ברעגן מיט בלוט און
מיט בלאָטע פארפלעקט.
רוישיקע כוצפּע פון גאָלד און גערוך פון געפּרעגלטן כאַזער
האָט איבער די שיפן און ברעגן געשמעקט.

(יאָנטעוו, אָ,
יאָנטעוו פון
ברעגן;
פרייד פון אָנקום צום אינדזל פון האָניק און שמאַלץ.
אומגליק, אָ, קלאָלע: א לעבן אַף טייגלעך און טאָרט און א לעבן —
אָן ברויט און אָן זאַלץ.)

מערק — פולע קופּעם מיט וואוילטיק, קווישן
פייגן, מאַראַנצן, וויין און — שוויים:
טראַמס, אָטאָס, באַנען און לעבערדיקע לונגען רוישן —
שלעפּנדיק אין זיידנוואַרג די פּעק מיט גוטסקייט צו די פּרעסערס
שוים.

פאַרגעסן אַביסל
די שיפן.

פארגעסן די פרייד פון די ברעגן. צו דעם אויסזיכט פון
גאָלדענע וועגן
רייסן זיך אַלע באַגריפן.
פּאָרויס — פּאָרויס —
און מען שאַלט, — פּאָרויס,
צוריק, — און מען פאַלט:
אַ פּלי ביזן קרעסט פון גאָלדענעם טורעם, — אַראָפּ
צום שווארצן אַספּאַלט.

גאַסן ליאַרעמען,
נאָר ברוקן שווייגן,
לאַיגן —
קנעכט און האַר און בוך. אָטאָמאָבילן פאָרן ניט, אָטאָמאָבילן
גליטשן זיך:
דריי מיליאָן רויטע, שווארצע גלאַנציקע קיאָסקן גליטשן זיך —
מיט די רעדער אַרויף.

פערציק ברידער זינגען, וויינען און דערציילן
וועגן געוואַגטע רעשטאָוואַניעס און געסאַמטע הייזן. פון די פערציק
האָבן: ווער, וואָס מער רענדלעך —
ווער טעג ליכטיקע —
ווייניקער — צו ציילן.

נאָר מיר, פון די פערציק
וואָס לעבן אין גרובן און גראָבן
קוילן און ליכטיקע אָרן,
מיט די געוואַגטע בויער אַפן אַכציקסטן גאָרן, —
שיקן אַ שוואַואיקע וואָרנונג:
פאַר יעדן פון
אונזערע לעבנס
וואָס ווערן אויף טורעמס,
וואָס ווערן אין טיפן פאַרלאָרן,
ווערן טויזנט מאָל טויזנט סימאָנים פון קלאָרקייט געבאָרן.

פערציק ברידער זינגען, וויינען און דערציילן.
ווער עס האָט די שאַרפע הערשער־רוט

און ווער —
אַ יוליק האַרץ,
אָקטאָבערדיקן מוט.

צינדן מיר אָן
פון גאָלדענעם אויסזיכט די וועגן. (שנייד שאַרפער אונדזער לייב,
גיריקער ברוט!)
מיר האָבן רויט געמאַכט די ברעגן — און וועלן אָנצינדן דעם
אינדזל —

מיט אונדזער בלוט.

צו דיר, מיין שטאָט

שטאָט פון דורכגעהעלטע קובן. שטאָט פון
לייטערדיקע ווענט. זון־צעגליטע טשובן — דיינע טורעמס,
קופּערדיק געבלענדט.

אימפּעט, ווי די זון — אַף גלאָז,
אַף דעכער,
מויערן און גאַסן.
וואונדער פון
אורבאַנישן אַפּאָטעאָז,
וואָס צינדט אָן אַלץ, וואָס איז געלאַסן.

שטאָט פון שטייגנדע עטאַזשן: אָנהייב,
נאָך גאָטישער אַרכיטעקטור —
נאָך רואיק־באַלאַנסירטער פּאָזע, אומרו פון
קוביסטישער סטרוקטור.

שטאָט פון שטאָל און שטיין און שונד,
שטאָט פון מוירעדיקן גאָלד.
נייעשטאָט פון
דעם אַלטן בונד —
פון הערשער, קירך און יאָלד.

שטאָט פון שטאָלענע עקספּרעסן. שטאָט פון וואָל סטריט
און קאַנאַל. — גאָלדנשווערדיקע

עקסצעסן
אין דיין אזאַרט־שפּיל: שטייג־און־פאַל.

שטאָט פון וואָוילטיק און פון הונגער.
שטאָט פון טאָרבע און פון גליק.
וואו דאָס גערעכטע ווערט
פאַרשלונגען
אונטער גאָלדנמייסטערס בריק.

שטאָט פון טראַגישע קאָנטראַסטן, שטאָט פון גרויס־מאַרק
און געלאַף — פון קרעמערשע,
פּאָליטישע באַמבאַסטן,
אַפן כעזשבן פון
דעם הונגעריקן שקלאַף.

צו דיר, מיין שטאָט
פון העלנדיקן וואונדער,
און צו דיין הימלדיקן דראַנג,
צו מיינע ברידערס מעסערדיקע וואונדן — מיין ווייטיקדיק
און ליב געזאַנג.

איך — דיין קלאַס און דו — מיין שטאָט

ניו יאָרק.
ניט לויבן, ניט דערהויבן דיך;
פון דיינע הייסע שטויבן וויל איך זיך
צו דיין זון־טורעם
דערקלייבן
און די געשיכטע פון דיין פינצטער אונטערגאַנג
איבער אַלע הונדערט שטאָק פאַרשרייבן.

ניו יאָרק.
איך וויל זיין דו — אין דיין פאַרנעם,
און דו זאָלסט ווערן — איך
און מיין פּראָבלעם.

ניו יאָרק.
איך וויל דיין עמפּייר־אָבעליסק

זאָל די געשטאָלטע ווירע זיין
פון מיין זינגענדיקער שורע,
און דער ערשטער ציל־פונקט פאַר די הענג-שטריק
פאַר די וואָס גאַנווענען און סאַמען אונדזער האַרץ,
און שטיקן אונדזער לעבן
אין קאַרצער און קאַנורע.

ניו יאָרק: איך בין דו — אין דיין שיינקייט,
איך בין דו — אין דיין גוואורע.

צו די אידן פון גאָלדענעם כאָלעם

איך בין אַ אידישער פּאָעט,
רייד איך צו אידן.
ניט צו די אידן,
וואָס אַמעריקע נאָמענט
גאַסן מיט זיי
און בולוואַרן,
ניט צום אידישן קוירעך, צום אידישן האַמאַן,
וואָס האָבן מיליאָנען געליען
צו די פינצטערע רוסישע צאַרן
און הערן ניט אויף זיך צו מיען
מיט גאָלד, מיט וואָרט און צוויעס,
העלפן דעם קעפּ־האַקער היטלער
פאַרזייען וועלדער טליעס.
איך רייד צו די אידן — קאַצאָווים און פעדלער,
צו די „געשעפטלייט" פון קעלבערנע דרויבלעך, געטריקנטע קערלעך,
צו די אידן, וואָס שטופּן זייער „ראַקעפעלער"-כאָלעם אַף הינקענדיקע פושקאַרטס
יאָר־יערלעך.
צו די קרעמער רייד איך,
צו די בעדער,
צו די רומאַטישע מאַגנאַטן פון וואַסערדיקן אייז־קרים
און צוגעפוילטן לעדער,
צו די באַלעבאַטים פון קעלערלעך פוילע באַנאַנעס,

צו די „אידישע פריצים” פון דריי נייע צימערן מיט ווארעם,
לעקטרע און וואנעם.
איך רייד צו די אידען פון עלדרידזש סטריט־זייד און געזייערטע
טאמייטעס,

די אידן וואס האנדלען דורך שילטן און מרוקן,
וועמעס לעבן ס'הענגט אין שטורעם, ווי א סוקע,
כאטש דערווייל נאך — שטייט עס.
איך רייד צו ארטשארד, לודלא און קאנעל,
צו גרענד סטריט, העסטער און דיוויזשאן:
זאגט,
ווי לאנג,
אז איבער אייער שוועל
האט קיין גאנציקער מיליאן זיך ניט באוויזן?
וויפיל טעג און נעכט
האט פאר יעדן דאלער
אייך העסטער סטריט צעגריזשעט?
ווי לאנג דארף נעמען צו פארמיעסן
א לעבן,
וואס שלעפט זיך טאג־טעגלעך דורך זעלביקע מארק־געסלעך,
ברודיקע, שמאלע,
וואו ס'זיצן אפ ס'לעבן פארקוויטעט־פארקוטעטע מענטשן,
ווי פארדרויכערטע פעסלעך
פארפרוירענע סמאלע?
קאן א לעבן זיין
טיפער
פון די קלאלעס,
וואס שטילן דאס הארץ
פאר יעדער ניט געלייזטער ציפער?
קאן דאס לעבן זיין
א ברייטער
יאנטעוודיקער פרייד־ברענגער,
ווען עס שלינגט דער מארק־זומפ, —
א פארפעסטעטער, אן ענגער?

די וואס זיצן בא פארוויינטע קערב

מיט ברויטן — גרויסע, שוואַרצע לאַבנס, —
קוואַטשען די פּיס
אין שיך — צעוויקט, צעפּלאַטשעט —
ווי פון מאַרק־זומפּ די זשאַבעס.

און די וואָס שטייען אין פאַרפּוצטע קליטן
פון קליידער, מעבל און זיידנוואַרג,
קוקן שוין מער ניט, וואָס ס׳טוט זיך באַם צוויטן;
זיי קענען אַף אויסווייניק אַלעמענס גליקן
פון היינטיקן מאַרק.

ווי מיליאָסן־מאַטע מייז
האָבן די יאָרן קריזיס
אייערע האַלב־ליידיקע פּאַליצעס צעגריזשעט.
אין יעדן קרעמערס האַנט האָבן זיך די גאָלדענע פיר טייז
פאַרוואַנדלט אין פיר לייצים.
און עס וואַקסן וואַיענדיקע וועלדער האַנקרייצלער
איבער אַלע שטאָטן.
און עס זעט זיך ניט די גאָלדענע האַנט פון אַ „בעסערער צייט",
וואָס זאָל קאָנען די לעבער פון אייערע קראָמען און קאַסעס פאַרלאַטן.

דאָס ביסל, וואָס איר האָט פאַרמאָגט
אין שאַפּ, אין קראָם, אין הויז, אין באַנק, אין קעשענע, —
קאָן מען ניט ציילן און ניט שאַצן כאָטש ווי קנעפּלעך מעשענע.
דאָלער צו דאָלער,
טויזנטער צו טויזנטער דערקליבן,
און אַלץ וואָס ס׳איז געבליבן —
איז ציפערן און כעזשבן אין אייגענע און פרעמדע ביכער פאַרשריבן.
און איצט — ניטאָ פאַר אייך
אין מאַרק קיין אָרט,
אויב איר זייט ווינציקער פון העגרי פּאָרד.
אייערע פּאָליצעס — האַלב־ליידיקע —
וועלן ניט פול ווערן פון רייד פון ניראַ־פריידיקער.
ליידיקע פּאָליצעס שאָקלען זיך
ווי אַלטע, פוילע ציין ביי צעפּראָרענע פערד.

ליגנדיקע סכוירע
פאַלט מיט דער מינוט צו באַנקראָטירנדיקן ווערט.

דערמאָנט זיך דאָס אויסזען פון קראָמען
נאָך די צאַרישע פּאָגראָמען;
פאַרבינדט דאָס מיטן בילד פון אידן אינם „דריטן רייך",
און פירט די בילדער ווייטער — ביז צו אייך.

איך קום אייך ניט שטראָפן, ניט שרעקן, —
דאָס בילד שטייט קלאָר, —
נענגוג מיט די „גליקן" זיך באַלעקן:
עס וואַקסט דאָ גיך דער האַקנקרייץ — איז נאָך און נאָך א יאָר!

פאבריקן — גרויס־פאַבריקן, אידישע —
ארבעטן אַף ברוין־ און זילבער־העמדלעך,
וואָס וועלן אין אייערע קרעמלעך
פאַרענדיקן די ארבעט,
וואָס ס'האָבן ניט דערטאָן די קריזיס־ראַצן,
וואָס זיינען פול אין אייער שטאַל־קאַסע און ברויט־קעסטל,
און פרעסן אייער לייב און לעבן
ווי מאַטראַצן.

וויפיל אידן אין פוילן,
אין בוקארעשט, יאַסי און לאָדזש
האָבן שיך מיט גאַנצע זוילן?
און אויב איר האָט נאָך שיך, א קאָלדרע און א דירע,
איז שוין אייער פאָרדל, שעווראָלעי און דאָדזש
ווי אייער קרעמל — אָפּגעשמאָרעט,
ווי אייער זיידעס קאַראַבעלניק־וואָגן —
צעפּלאַצט און אָפּגעפאָרן.

און אייערע זין,
און אייערע טעכטער?
זיי קערן זיך אום
צו אייער אַמאָליקן פינצטערן נעכטן, —

מיט נייאינקע דיפּלאָמעס,
פּראָפעסיעס, טאַלאַנט.
וואָס זאָגן נאָר אַף דעם די פּרייזן
אין וואָל סטריטס פּרייז־קוראַנט?
איין פּרייז היינט
פאַר דער יוגנט —
פאַרן מענטש פון האַמער, פּידל און דיפּלאָמע —
דער פּרייז פון טויגן פאַר מילכאָמע.

— „שטימט, קלוגע בירגער, שטימט
פאַר נייע טויזנט קרייצערס,
די זין גרייט אָן, די זין! —
און מיר וועלן אייך שוין צודינען אַן אויצער".
(עס וואַקסן,
וואַקסן גיך די האַקנקרייצלער!)

וויפיל מענטשן האָט איר, ווילנדיק ניט ווילנדיק גענאַרט,
וויפיל פרעמדע פּענים
אין אייער דאָלער זיך אַריינגעשאַרט
פון די,
וועמענס שטאַנד איר האָט שוין איצט אַליין דערגרייכט, —
צו דערהויבן אייערע זין צו זייער קולטורעלער הויך?

איך ווייס:
איר זייט געקומען נאַקעט,
אָפּגעריסן,
איז זיס געווען אייך יעדער דאָלערדיקער ביסן.
נאָר יעדער דאָלער האָט זיך ביטער איינגעביסן
אין אייער האַרץ און לונג און לעבער.
אין אַסטמעדיקע קרעמלעך האָט איר בלוט געבראַקעט
נאָר באַגריפן, באַנק־ביכלעך און בייכער
האָבן געוואַקסן באַלעבאַטיש גרעבער.

איך ווייס:
אַסאַך האָבן אַרויפגעהאָרעוועט

א ברייטע קראָם, א ברייטן קאַרק ;
נאָר מערסטע האָבן אויסגעהאָדעוועט
פיס מיט אָדערן ווי שטריק, גאָז אין מאָגן און א ראַק.

איר האָט אין קינדער בילדונג
אָנגעשטאָפּט,
און טראָגט זיי אום, ווי אייערע קראָמען־שילדן, —
ווי א גאַדלעסדיקע קרוין —
איבער אייער קאָפּ.
נאָר סיי די שילדן גאָלדענע פון די אָפּגעלייזטע יאָרן,
סיי די שילדן פון דעם בלוט פון אייגענעם,
וואַקלען זיך, צערודערטע, צעבויגענע
פון רויכיק־פאַשיסטישע ווינטן,
וואָס וואַרפן פאַר די אויגן פון די עלטערע אין אייערע געזיינטן —
מיט דער שנעלקייט פון קינאָ־עקראַנען —
בילדער : טעג מיט בערג געשאָכטענע,
בילדער : טעג מיט טויט פון טויזנט קרושעוואַנען.
אייער שפּיגל —
דער ברוקלינער אַרמיי־קרעמער — סעם סיגל
וויל נאָך בלאָע־אָדלער פּאַראַדן :
ער העלפט דאָס לאַנד מיט קריג פאַרטשאַדן —
צו קריגן נייאינקע קאָנטראַקטן
מער און מער צו פאַבריצירן
פאַר אייערע באָדנלאָזע זין מונדירן.
סעם זוכט גרויס־האַנדל, געשעפטן פירן
מיטן טויט.

זייט איר דאָך זיינע לייבלעכע פאַראָרעמטע ברידער.
אייערע קרעמלעך און קראָמען זיינען היינט שוין
צעגראָבענע גריבער,
וואו די אויגן אייערע פאַרטיפן זיך מיט שרעק
און זוכן זיך אַן אויסגאַנג — א סאָף , אַן עק.

די גרויסע סיגלס זיינען קליינע דיו פאָנטס.
איז פאַר זיי דאָס לעבן נאָך

א ברייטע האַניק־פּאַס.
מיר און איר
זיינען דער שטאָף פון זייער שפּאַס.

זיי זיינען די אויסדערוויילטע, קלוגע,
מיר און איר — די יאָלדן, די נאַראָנים.
איר העלפט זיי אָנבערענגען די בלוטיקע וויוגע
און מאַטערט זיך האָבן ווי זיי אַזאַ פּאָנים.

איר קענט אָבער ניט מער
אין רייכן ברודערס שפּיגל זיך דערקענען.
ער איז אַלץ נאָך דער בלוט־האַנדל־בער,
און איר האָט שוין באַלד ניט קיין כּאָמעץ צו פאַרברענען.

טויזנט קרושעוואַנען שטויסן
בילדער קומענדיקן טויט אויף אייערע געסלעך.
סיגל דעם מאַגנאַט, דעם פּאַטריאָט דעם גרויסן
וועט ניט זוכן פּאַשיסטישער מעסער.

די אַלע „גרויסע" אידן זיינען גוט און וואויל
פאַר יעדן פינצטערן דיקטאַטאָר.
ס'איז דאָס פאָלק פאַר זיי א וואַרעמער קאַמזויל.
ווען מ'דאַרף פון פאָלק קאָרבאָנעס — ווערן זיי אים א „טאַטע".

איז וואו, אין גרויסן מאַנגל,
די ברייטקייט פון דעם „טאַטן"?
ניין, מע קאָן ניט אָן געראַנגל
ארויסרייסן א ביסן פון דעם הונט דעם איבערזאַטן.

פון לייגן זיך פייגעלעך אין בוזעם
ווערט ניט זאַט דער מאָגן.
א פּלייצע אונטערשטעלן וועט איר מוזן —
ווען מע וועט אייך פון די בעטן יאָגן:
בלויז מיין קלאַס
וועט אין יענע טעג פאַר אייך זיך שלאָגן.

דער קריזיס איז מער
ווי קאַטאַסטראָפע:
ס'איז היסטאָרישער פּראָצעס,
דער בראָך פון דער בלוטיקער בראָכע
פון גרויס־רויב יו. עס.

ס'איז רייף די צייט צו מאַכן
דעם גרויזאַמען סאַכאַקל
פון דוירעס און דוירעס פאַרשווענדטע ענערגיע
אַפן מאַרק פון קאָנקורענץ.
וואַרפט אום דעם לעצטן סלופּ
פון אייער אידייאישן וואַקל:
ברידערט מיט אונדז אייער גורל,
אייערע הילפאָזע, ליידיקע הענט.
דאָס לעבן דאָס נייע דאָ וואַקסט ניט פון טורעם פון „עמפּייר סטייט",
נאָר פון נידעריקן, פינצטערן האַרלעמער סטופּ.

די מאַרק־קולטור פון איסט בראָדוויי
פאַרגעסט.
מילער, קאַהאַן, בערנשטיין, יאַנאָווסקי און פּאַליי, —
טויט צי לעבעדיק, —
זיינען די זשוואַווע שוואַרצקינצלער פון קרעמערישן פּעסט.

זיי האָבן אינמיטן מאַרק־טאָלטשאָק צעשפּילט
זייער שוטפעסדיקע „פילהאַרמאָניק".
זיי האָבן געשפּילט צום גאָלד אַף אייער שילד,
געכאָוועט אין אייך גראָבקייט און באַפּוצט
מיט „אידעאַלן"־פּאָנען.
איצט לערנט איר זיך הונגערן,
און זיי באַקן נאָך די מאַרק־קולטור,
פון טכיילעס, טייווע, טינעף, „סאָציאַליזם" און האָניק,
און זייערע וואָכעדיקע טישן הוליען אַלץ נאָך
מיט פאַררעטערישן יאָנטעוו,
אין פּרעס און זויף פאַרטרונקענע.

ווי דער ווינט
אלטע שילדן פארזשאווערטע,
פארוואָרפט די „קולטור" די פאַראוועריטע.
זי העלפט דערגענטערן די שאָען
ווען שווארצע, שארפע האקנקרייצן־קלאָען
וועלן שטיקן אייער ברוסט און נאקן, —
שאָען וועלט־געשיכטע
פון אָפּטן, פּאָגראָמישן און וועג אריין זיך פּאַקן.

דער וועג צו זיך
איז דער וועג
צום פּראָלעטאריאט.
בלויז פון לעגינס פּארטיי
קריגט יעדעס פאָלק אַ מאנדאט
אף לעבן, קולטור, — וואָס איז פרייד.
ווייטער איז אַלץ —
פארלאָרענע ענערגיע און פוסטע רייד.

ס'האָט לענין גערעדט און געוואָרנט
אין די ביטערע בירגער־קריג יאָרן:
„שאַנד און שטראָף פאר יעדן
וואָס ווייזט זיך מיט סינע צו אידן,
און פיינטשאפט צו אנדערע פעלקער".
און אַלץ
וואָס ס'האָט לענין געזאָגט — איז געוואָרן.

אָרטשאַרד סטריט

מארק פון לעבעדיקע מעציעס. גאס
פון קליין־קרעמערשער נעוויעס — וועגן שיך־און־העמדער פאבריקאנטן

און באנקראָטן,
וועגן פּאָליטיק, פּראָגרעס און רעוואָלוציע —
מיט „פאָרווערטס"־לאָגיקע" פארקנאָטן. גאס
פון דאָלעסדיקן שווינדל

און מאַרקיקע געבאָטן. מאַרק פון קלאָלעס. מאַרק פון
בלאָטע, פּידעלעך, טאַליסים
און פּאָר יעדערן און אַלץ אױף הינקענדיקע װעגעלעך — דער בעסטער
מיטל.

גאַס פון ביטל.
גאַס פון גראָשענע געװעטן און אַכצן מאָל פאַרקױפטע,
פון אָרימאַן צו אָרימאַן, —
ברודנע העמדער, אױסגעשװױצטע שיך
און װײנענדיקע בעטן.
גאַס פון טילימלעך, פאַרראָסטעטע צלאָמים און צעפּלאַצטע,
הײזעריקע קלאַרנעטן.
גאַס פון רעװונדיקע באַסן
און פּיפּיקע פאַלצעטן.
גאַס פון װעגל־שטופער,
װאָס זינגען, שרײַענדיק, פון זײער אױסזיכט
אױף פּענצטערדיקע קראָמען
מיט אַ שילד פון גאָלד.
גאַס, װאו יעדער דורכגײער און קױפער איז אַ „יאָלד" — זײנען אַלע,
כּוץ די קרעמער, איז די װעלט —
אַ װעלט פון „יאָלדן"
און די גאַס פון אַלטװאַרג, פון זשאַװערדיקע טעלער, טרומײטערלעך
און טראָלדן

איז אַ פּאַס
אין „פונדאַמענט"
פון װעלטישן פּראָגרעס. די גאַס, די גאַס
צעטענצלט זיך, צעזינגט זיך
און פּליעסקעט מיט די הענט: „אַ נײַ פּאָר שיך, אַ פײַן פּאָר שיך!
געפעלט ניט? —
גײט אין דר'ערד אַרײַן
און װערט פאַרברענט! כ'האָב אײַך דערקענט! האָ־האָ, דערקענט!"
און צװישן „יאָלד" און „יאָלד",
צװישן פּרײַז און קלאָלע,
„שטודירט" מען איבער נאָכאַמאָל די „לעקציעס" פון זײגערדיקן
טורעם:
„װאָס טוט מען מיט די פּאָר טאָלער?"

אַ, גאַס
פון ברודנעם מויל און מאַרק און העמד, —
אַ, ווילדע גריווע,
נײַט צעוואַשן, ניט צעקעמט, ברוטאַל ביסטו,
ברוטאַל און מיעס,
ווי דײַנע טאַנדעטנע סטאַטועטקעס און צעפּלאַצטע פידלען,
וואָס כריפּן ווי
דײַן הייזעריקער זידלען,
ווי דײַנע „פּאַרוועדטס״־פילאָזאָפן, וואָס „ציציליסטעווען״ און אידלען, פּילווען זיך
און לידלען,
מיט רעוורענד־שאַדכן־מויעל,
מיט „פּיקאַנטע סטאָרים״, צוויטן אינטערנאַציאָנאַל, און וואווא לעציען גויעל!

מענדל מוזיקאַנט

(טייל איינס)

אז איר זעט אַ מענטשן גיין
זיך שפּילנדיק, איינער אַליין,
אַף אַ בלאָק, וואָס שווימט אין רעגן,
איז דאָס אַ מענטש, וואָס האָט דעם טויט
מיליאָן־פּאַכיק באַגעגנט.
אַ מענטש איז דאָס,
פון וועמען מע האָט צוגערויבט זיין ווירדע,
ווייל ניט אָפּגעשאַצט, און ניט געשמידט מיט אַנדערע האָט ער
דעם קויעך פון זיין שטירדעס.

אזא לעבן, אָנגעלאָגלט
מיט נויט און צייטווייליקן וואווילטיס, מיט בלוט און מיט מוזיק —
ווי אַ מענטשל־שפּילצייג — שאָקלט זיך און שאָקלט

הין און קריק
פון ראָג צו ראָג
אַפן פאַרפּליִיצטן טראָטואַר פון שווימענדיקן בלאָק.

שפּילן אין שווימענדיקן בלאָק פּעריציק יאָר כּאַסענעס
פון שטעטעלעך און דער איסטסייד,
פינקלען־אויף אין רעגן טעג — בראָדוויאיש־קלאַסישע,
און איבער דעם — אַרמייען פליען מיט אַנטבלויזטע זעבלען,
און דעם מענטש אין רעגן — שטעכט אין זייט.
אַ מענטש, אַ בעטלער, וואָס צעשפּילט אין רעגן
אַ גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט.
אַ געוועזענער „שטערן", געוועזענער פּראַנט —
מענדל־מאָרי (בעטלער) מוזיקאַנט.

ס'האָט מענדל פון לעבן ביטער געלערנט,
און איז פון דעם נאָך ניט קליגער געוואָרן:
ווייקט זיך דער מענטש אין רעגן און טרערן, —
סאַמט זיך אַליין מיט זיין הילפלאָזן צאָרן.
:: :: ::
ווער איז מענדל,
און פונוואַנען?
פון אַ פּויליש שטעטל,
וואו ס'לויפן ניט קיין באַנען.

ס'האָט מענדלס טאַטע אָפּגעשפּילט אַ לעבן פון
קליינשטעטלדיקע כּאַסענעס מיט זיין קאַפּעליע.
כאָטש דער טאַטע האָט דערצויגן אַף קלעזמערישע טראַדיציעס
דעם זון,
האָט מענדלס קאָפּ — ביים שפּילן פּליִיט — זיך געריסן צו דער
סטעליע.

אַ יונג איז געווען מענדל אַ סענטימענטאַלער.
מיט די שטעטלדיקע מיידלעך אויסגעבונדן.
און גליקלעך האָט זיך געשעצט יעדע קאַלע,
ווען מ'האָט זיך מיט זיין קאַפּעליע אויסגעדונגען.

צו דער כופּע פירן — פלעגט מענדל גיין דער ערשטער.
זיין פריילעך פּנים האָט דערפרייט כּאָסן־קאַלע.
זיין טאָן אין דער קאַפּעליע — דער פריילעכסטער, דער העכסטער.
ווען מענדל שפּילט — שפּילן לעבעדיקער אַלע.

נאָר פון שטעטלעך פאַרנעמען זיך שניידער און שוסטער
קיין אַמעריקע — מיט אַלע שיפן.
ווערן שטעטעלעך אומעטיקער, פּוסטער:
האָט מענדל אויך געלאָזט זיך קיין אַמעריקע פאַרשיפן.

:: :: ::

מענדל איז געווען אַ „קינצלער" — אַ קלעזמער
אַף אַלע קיילים,
נאָר ליבערשט — געשפּילט דעם קלאַרנעט.
(באַ זיין ווייבלס ערשטן קימפּעט
האָט מענדל צוגעשפּילט באַם בעט.)

דעם קלאַרנעט האָט ער געיאַרשנט פון זיין טאַטן,
איז פול געווען מיט וואָלעכלעך און זעמערלעך
דער אַלטער אינסטרומענט.
נאָר אויסגעגרינטע לאַנדסלייט האָבן אים געראַטן
וואָס גיכער צו פאַרגעסן וואָס ער קען.

מענדל האָט געפּילט ווי ס'ווערגט זיין האַלדז, —
נאָך שטאַרקער שטיקט עם זיין קלאַרנעט, —
דער שיקער־כריפּנדיקער דזשאַז.
שפּעטער, ליגנדיק אין פלאַנדערס לאַזאַרעט,
האָט אים איבלדיק אַזוי געשטיקט דער גאַז.

ס'איז אַמעריקע, פאַרפאַלן:
וויל מען לעבן — מוז מען שפּילן.
שפּילט מענדל כּאַסענעס אין איסטסיידער זאַלן.
נאָר זיין קלאַרנעט האָט דזשאַז געשפּילט
ווי אָן זיין ווילן.

אַף כּאַסענעס האָבן זיך שטימונגען געמיניעט:
דער דאָר דער עלטערער טאַנצט שערעלעך, קאַדרילן,
די אויסגעגרינטע יוגנט צעיאַכמערט זיך אין דזשאַז.
מענדל ווערט אַן אַנדערער .
ווען ער נעמט פאַר די מעכוטאָנים שפּילן.

:: :: ::

ניו יאָרק איז ניט כּאַנדריקעווע,
איז מענדלס לעבן דאָ — איין גרויסע, טומלדיקע כּאַסענע:
זיינע זיבן טעג אַ וואָך — זיינען זיבן זאַלן
מיט כּאַסענעס אָנגעפּיקעוועט.

נאָר אָט שפּילט מענדל שוין
די כּאַסענע די לעצטע:
קאַפּעליעס פּאַקן איין די קיילים:
אַף גאַסן אָפענע שפּילט איצט אַ כּאַסענקע
פון פעלקער — פון שאָוויניזם אויפגעהעצטע,
און מענדלס כּאָסן־קאַלע, מעכוטאָנים
זיינען איצט אַווילים.

מאָרד־מאַרשן פּאַרטומלען מיט גרילצנדיקן קוויטש
די כּאַסענע־מוזיק.
ס'פּיבערן פּאַרפּירטע זין מיט אוואַנטיורע־היץ,
נאָר מאַמעס הערצער ווערן שוין פון קראָען אייפערדיק געפּיקט.

מע „שפּילט" נאָך כּאַסענעס — קעדיי ניט ווערן
אַלס זעלנער אין די ערשטע טעג ווערבירט, —
אונטערערדישע, שטילע כּאַסענעס — לאָזן זיך ניט הערן:
זיי מוזן פאַר מאָביליזאַציע זיין דאַטירט.

ניו יאָרק ווערט אַ קריגערישער לאַגער, פול מיט
מונדירן, העלמעטס און מערדערישע באַגריפן:
ציען טויטן־מאַרשן זינגענדיק, געדולדיק
יעדן טאָג דורך שטאָט צו טויטן־שיפן.

:: :: ::

ווי ס'זיינען אויפגעקומען איבערנאַכט מילכאָמע־מיליאָנערן,
זיינען אויפגעשפּרונגען אַף בראָדוויי הורטאָם
שערענגעם שיינענדיקע „שטערן" —
צו פאַרשפּילן, פאַרזינגען דעם העלישן טהאָם:

די וואָס נעמען זיך די וועלט מיט בלוט פאַרפּלייצן
פאַרהילכן מיט מוזיק מאַמעס און אַלמאָנעס וויי־געשריי.
מענדל האָט אַן אָפּן פּאָנים, און האָט פּלייצעס, —
טוט ער זיך אַ רוק — פון קלינטאָן אַף בראָדוויי.

ווערט מענדל — מאָרי מיוזיקענט,
דעביוטירט אין קיטס — אין העכסטן וואָדעוויל.
דאָ האָט מען אַנטדעקט זיינע גאָלדענע הענט,
הויבט זיך אָן פאַר מענדלען גאָר אַן אַנדער שפּיל.

ס'איז מענדל דאָ דערזעלבער קלאַרנעטיסט,
נאָר אין רייכן פראַק און שטייפן העמד.
מאָרי ווערט ערשטקלאַסיקער סאָליסט,
און דזשאַז איז מער ניט קיין פּראָבלעם.

מענדל־מאָרי קיניגט אין די קאַנדעליאַברע־הימלען:
אַן אַנדער גאַנג, אַן אַנדער שפּיל, אַן אַנדער אָטעם.
אים געפעלט דער שמיץ — פון כאַנדריקעווער צימבלען,
פון שליאָפּען כופּע־שפּיל דורך שטעטלדיקע בלאָטעס

ביזן פּעדעסטאַל פון סאָליסט אין ניו יאָרקער ריאַלטאָ!
מענדלס שטעטל וויינט נאָך אונטער אין קלאַרנעט,
נאָר ווי זיין טעאַטער — זעט מענדל זיין וועלט אַ צעשטראַלטע,
זיין לעבן — מיט בראָדווייער נאַכט־זייד אויסגעבעט.

:: :: ::

בראָדוויי טאַנצט,
און וויל פון גאָרנישט וויסן.
וואָס בלוטיקער דאָס שלאַכטפעלד — אַלץ רווישיקער בראָדוויי.
מען גיט די מאַסן האָניק

פון פּולווערפּאַס געניסן:
מען נאַרט אויס די לעצטע, לעבעדיקע הון
פאַר אַ געפּאַרבטער, פּוילער איי.

שווימט מענדל אום אין ליכט און וואווילטיק,
ווי אַ שוואַן־טענצער אין ליסטס מוזיק.
דערווייל איז ער נאָך פון די „אויסדערווויילטע":
צוליב בראָדוויי און ווייב און קינד גייט ער ניט אין קריג.

נאָר יעדן טאָג קומט אימיצער פון די קאָלעגן
אויסגעפּוצט אין אַרמייאישן מונדיר,
און איינער נעמט דעם צווייטן פרעגן:
„מאָרי, מאַקס און מוני — וואָס וועט זיין מיט דיר?"

אַ פּאַטריאָט איז מאָרי אַ פאַרברענטער,
נאָר ער וואַקלט זיך.
ער ווייסט אָבער: מע וועט די טאַטעס באַלד אַ נעם טאָן,
און הייסן פּאַקן זיך.

ס'האָט מענדל ליב זיין ווייב און קינד,
נאָר פון ווייבערשע טיינעס מאַכט ער ניט קיין צימעס.
כוץ דעם, וועט עס נאָכגעבן דעם ווילדן ווינט,
וואָס אַלע יאָרן איינגעשפּאַרט אין אים איז.

און קאָלעגן רעגן אָן און רייצן זיך:
„וועסט ניט גיין אַליין, וועט מען דיך צווינגען!
איז איידער נאָכשלעפּן זיך, וויינענדיק, —
בעסער ווי אַ העלד צו גיין — און זינגען".

:: :: ::

וואָיעט וואַנזין,
וואָיעט —
דורך געזאַנג און דורך אָרקעסטערס:
דער שעד פון שאַנסן
ראָיעט, ראָיעט
מיט פאַרסאַמטע נעגל — אין ד'ער מאַסעס הערצער.

פלאַקערט געל,
גרין און געל דאָס לאַנד,
שטאָט און שטאָט און גאַס:
שטיקט דאָס צעווייטיקטע לעבן רויכערדיקער איפּעש
פון רויבערישן האַס.
פאָלגן פעלקער
פּאַררעטערס באַפעל:
— „שינד!
שינד דיין אייגענע פעל!"
און אין אָרקעסטער, אין דער ערשטער ריי,
שפּאַנט מענדל־מאַרי — סאָליסט פון בראָדוויי:
ניט קלינטאָנער, און ניט בראָדווייער דזשאַז:
מאַרי רעוועט פּאַטריאָטישן טרומייט־עקסטאַז:
"The Yanks are coming!
The Yanks are coming!"
טויזנט אָרקעסטערס מיט טייוולשן פייער־ווינט אין טרובעס
צעבלאָזן דורך לאַנד און דורך וועלט
העלישער, ברייטער און העכער די פלאַמען.

:: :: ::

כאַנדריקעווע, העסטער,
בראָדוויי און — פּלאַנדערס.
טראַנשיי — מיט מייז און לייז פּאַרפּעסטעט,
און מענדל־מאַרי שפּילט שוין ווידער אַנדערש.

אין הימל די זון
ווי אַ העל־פּאַרפּוצטע פּריצטע זיצט
און קוקט מיט פולן ליכט אויף ברענענדיקע וועלדער.
קאַנאָן, גראַנאַט און זעבל בליצט.
מענדל בלוטיקט, נאָר ער קעמפט נאָך העלדיש.

טאָג און נאַכט,
נאַכט און טאָג:
מעשונעדיק לעבעדיק ליד
און טויטלעכער קלאָג.

די זון וואַרעמט מייסים אין בלוט אַף די פעלדער.
די לעוואָנע פאָלגט נאָך די באַהאַלטענע, נאַכטיקע מעלדער.
ווער איז דאָ סוינע,
און ווער איז דאָ פריינט?
דאָ שאַנעוועט קיינער ניט קיינעם,
און די זון, די לעוואָנע —
אַף אַלעמען שיינט!

ווער רעדט דאָ פון זיג,
און ווער — פון מאַפּאָלע?
קענען מענטשן אַף אַ שלאַכטפעלד — שפּילט אַ בין, צי אַ פליג
אַ העכערע ראָלע.

שאַ. שטיל.
זאָל איצטער קומען כאַיעל, אויב עס וויל:
אַ פעלד מיט טויטע — אַ מיליאָן, —
נאָך דער שלאַכט אין אָרגאָן.

עס רירן זיך שטיינערנע קעפּ נאָך,
עס הערן זיך אַנגסטיקע שטימען.
ווער אַ פוס, ווער אַ האַנט צום לעבן דערשלעפּט נאָך,
און ווער עס שטאַרבט מיט אַ פּאָנעם
קענען לעבן זיך קרימען.

ווער מען ס'בלייבט שטעקן אין ציין־קריץ אַ קלאָלע,
ווער מען — אין האַלדז ווי אַ ביין — דער נאָמען פון גאָט.
פון מענדלס מונדיר — פאַרשניטן די פּאָלעס,
און מענדל — פאַרפּלאָנטערט אין שטעכיקן דראָט.

ווען מענדל איז צו זיך געקומען,
איז ער געלעגן אין שפּיטאָל.
ס'האָט אַ טויט־שרעק אים צענומען,
ווען ער האָט דערהערט זיין אייגענעם קאָל.

און ליגנדיק אין ווייטיקדיקן בעט, —
געטאַפּט, געזוכט די פיס, געקוקט אַף זיך — אַראָפּ.

צעמישט — צו זיך אַליין גערעדט:
צי האָט ער נאָך זיין קאָפּ.

:: :: ::

קריכן באַנען מיט מידע רעדער אַף טויטע רעלצן:
שלעפּט אהיים דעם גאַנצן בראָך;

אָנשטאָט פּים — צוויי שווערע העלצער,
אָנשטאָט אַן אויג — אַ קוילן־לאָך.
ווערן אַפּן וועג די ליכטיקע וואָקזאַלן —
מישפּאָכעדיקע טרויער־סטאַנציעס, כאָטש אָרקעסטערס שפּילן.
מאָרי ווייסט: אַף סאָליסטן־פּעדעסטאַלן
שטעלט מען ניט קיין שפּילער אַף קאַווילעס.

האָט בראָדוויי באַזונגען זיין העלדנמוט און ערע,
באַוואונדערט זיינע קרייצן און מעדאַלן,
נאָר טויט ווי אַלע טויטע — איז זיין קינסטלערישע קאַריערע:
מוז מאָרי גיין צוריק אין די איסטסיידער זאַלן.

האָט מאָרי ווידער כאַסענעס געשפּילט אַ צייט,
אין די אָרעמסטע קוואַרטאַלן:
וואָס ס׳טויג ניט פֿאַר בראָדוויי — איז „גוט״ פֿאַר אָרעמעלייט!
נאָר — ס׳ווערן ווידער ליידיקלעך די זאַלן.

דער קריזיס קומט, און מוזיקער, ווי פּרעסער,
דרייען זיך אַף גאַסן שלינג און שלאַנג:
הונגער־רייען מערן זיך, און ווערן גרעסער,
און בראָדווייער דאָלערס האָט שוין מאָרי ניט פֿון לאַנג.

מאָרי וואוינט שוין אין איין קאַלטן צימער.
דאָרט שטומט דער מינדסטער שפּור פֿון שפּיל און פֿון געזאַנג.
מענדל טראַכט: ס׳דאַרף אַ מענטש קליגער זיין ווי פּרימער, —
כאָטש ס׳איז אַ ביטערער געדאַנק.

נאָר צו לאַנג טראַכטן טאָר מען ניט:
ווען ס׳דרייען די גערערים — איז ניט קיין צייט צו פּשעטלען:

איך מוז מיין ווייב און קינדער קאָרמענען, — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
און מענדל איז אַרוים אַף גאַסן בעטלען.
:: :: ::
סעקאַנד עוועניו — דער מיטן
פון אַמעריקע — דער אידישער,
מיט לעמבערגער טנועס, וויטעבסקער זיטן,
נאָר פאַרפּוצטער און צינישער.

קאָכט דאָס לעבן דאָ, צעפּרעגלט אַ געמיש:
טשאַפּסוי און גולאַש, מאַקאַראָנעס און קומיש,
געדיכטער, גווירישער גערוך פון „שוואַנען״־שמאַלץ, שאַשליק.
ס'איז דער „שוואַן״ — אַן אַלטער אָקס, נאָר ס'איז אין אָנשטעל —
גליק.
ס'איז סעקאַנד עוועניו אַ גאַס אַ ספּאָרטישע,
מיט בעדער, רעסטאָראַנען און טעאַטערס.
איר דערקענט דאָ טיפּן מענדעלעס און טיפּן גאָרקישע,
נאָר זיי פאַרלירן זיך צווישן אָפּגעפּוצטע, גלאַטע

יונגע זינדלעך, וואָס באַלעבאַטעווען אַף יונגע טעכטער,
קאַרטיאָזשניקעס, אַקטיאָרעלעך, פעטע קרעמער און פּוליאַקעס.
פאַר בעטלער איז סעקאַנד עוועניו אַ גאַס ניט קיין שלעכטע;
דער בעטלער זעט אין יעדערן אַ געבער, אַבוץ אין פּרומאַקעס.
:: :: ::
וואָלקנס פאַרוויקלען
פאַרנאַכטיקן מאַנהעטן:
וואָלקנס וואַנדערן מיט טייכן וואַסער איבער שטאָט,
גראָע, געדיכטע געוואַנטן
מיט שטראָמען אָנגעזופּט, —
אַ שאָטנדיקע מאַכנע וואָלקנס — בעטלער אין טראַנטעס.
דער רעגן לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן.
אַ וואַקסנדיקער גוס
שעפּעדיק און שטעכיק גיסט.
לויפן מענטשן אונטער דעכלעך פון טעאַטערס,
און פּאַקן זיך אַף יעדן סטופּ.

מענדל — אָן אַ היטל און אָן פּים —
וויגט זיך אום אין גום אַף זיינע קורצע, קלעצלדיקע פּעניעס, —
צום טאָן און טאַקט פון אַלטע, אידישע מעלאָדיעס,
וואָס וויינען וויטיקדיק אַרוים
פון זיין אויסגעווייקט קלאַרנעטל.

פליוכעט, פליוכעט
איבער מענדלס קאָפּ.
דורך וויינענדיקע וואָלעכלעך
שפּילט ער זיך פון האַרצן אַראָפּ.

בליפעט דאָס קלאַרנעטל,
ווי מעכוטענעסטעס אין שטעטל:
ווען ס'בעטלען וויטיקן אין שפּילן,
קלינגט דאָס פּאַר ראַכמאָנעס־הערצער צוקער־זיס:
מען קאָן די שולד די אייגענע און אומרו שטילן
מיט אַ פּעני פאַר אַ וויי־געזאַנג
פון פאַרלאָרענע צוויי פיס.

וואַשט דער רעגן, וואַשט,
גלאַנציקט פינצטער די פאַנעלן.
מענדל טראַכט:
אין אַ רעגן וועט
מיין אומגליק בעסער זיי געפעלן.
מענטשן האָבן ליב צו זען
דעם אומגליק נאַקעט.
מע צאָלט אַ האַלבן דאָלער מער
דערפאַר אַ פּראָסטיטוטקע.
מע קרימט זיך, נאָר מע קוקט זיך איין
אין אַן אָפענער מאַקע.
און מענדל — שפּילט נאָך צו אַף זיין דודקע!

מענטשן האָבן פיינט צו ווערן נאַס.
נאָר מענדל ווייסט: שלאַכטפעלד
האָט ניט קיין גאַס.
און אַז סע רעגנט — הערט מען דען אויף שיסן?

זאָל גיסן, גיסן.
אַז דער רעגן וועט זיך טענצלען צימבלענדיק אין קווערטל,
וועלן שווימענדיקע פּענים זיך אַ מער טאָן.
:: :: ::
אויף נאַסן, שוואַרצן, בורבלדיקן טראָטואַר
איז מענדל אַ שטיק פּינצטער, רעגנדיקער וואָלקן:
רעגנט מענדלס גייענדיקער האַלבער ראָק.
רעגנט מענדלס אויסגעווייקטער קאָפּ.
מענדל רעגנט, זינגט און וויינט און בעטלט.
שניידט־דורך ניו יאָרק דאָס קלאָגליד פון אַ צעבראָכן לעבן,
דורך אַ הייזעריק קלאַרנעטל:
אַ קלאָגליד אין דריי וואַריאַנטן: פון ניו יאָרקער גאָלד און גרויל,
פון שלאַכטפעלדער בלוט,
פון דאַלעס און אומעט און צאַר פון מענדלס שטעטל, —
וואָס קלאָגט איבער דער וועלט.

„האָב און גוטס"

אויף אַן אָרעמען ראָג
פון אונדזער קוירעך־שטאָט ניו יאָרק,
אויף אַ שמאָלן, צעפּלאַצטן
טראָטואַר, אָנגעווייקט מיט וויטיקן
פון באָרוועסע קינדער און בריענדיקע טריט פון ברויטלאָזע ברידער,
ליגט אַ בערגל אָפּגעבליאַקעוועטע שטולן, אַן אויוון אַ פאַרראָסטעטער,
אַ הינקענדיקע בעט
און אַ קינדער־וויגל — ליידיק — ווי דאָס האַרץ
באַם באַלעבאָס פון דירע, ווי דאָס ברויט־קעסטל,
דאָס בלעכענע, וואָס ליגט אַן אָפּנס
אין וויגל
און שווייגט דעם טיפן הונגער־וויטיק אויס
פאַר די אָפענע גאַסן, פאַר די בליצנדיקע אויגן
פון דער שטאָט ניו יאָרק, — ליידיק, ווי די אויסזיכטן
פון אויסגעבלייכטן ווייב־און־מאַמע לעבן, וואָס שטייט, פאַרשעמט,
באַם טויטן בערגל ברוכווארג

און היט דאָס ביסל „האָב און גוטס", ארויסגעוואָרפענע פון שטוב.
אפן פארבלאָזן קיך־טישל שטייען צוויי קליינע מעש־לייכטער
לעבן א פארכאַלעשטן וואנט־זייגער. שפילט זיך די זון
מיטן קאַלטן מעש, מיטן ווארעמען צאַר פון מאַמע־ווייב־אויגן,
מיט די מאכטלאָזע שאָען אפן שטומען, אומעטיקן זייגער,
מיטן מאָנענדיקן „פאָנעם" ארויף, צו די הימלען, מיט א פינטל
פארבליבענעם פאַליטור
אף געוועזענע שטולעכלעך און טישן,
מיט אריינגעברענטע טרערן אף א קישן. שפילט און שפילט
אף די טראַגישע, הילצערנע קלאָווישן
פון אונדזער גרויס־שטאָטישן דאַלעס.

ווען די זון איז אוועק, צו פארנאכט,
איז געקומען א ווינט.
האָט אויך דער ווינט, ווי די זון, ניט געבראַכט
קיין דערלייזנדיקע פרייד
פאַר דער היימלאָזער געזינט, וואָס זיצט איצט ביי די גרייטע,
ברייטע טויערן פון דער נאכט — בא דער פארהאַקטער טיר,
אונטער וואָלקנדיקע קאַלדרעס.
וויגט זיך אום אין ווינט דאָס וויגל.
דאָס ליידיקע ברויט־קעסטל קוקט אומעטיק
אין נאכטיק־הימלדיקן שפיגל. און איבערן גאַנצן האָב
ליגט איינגעקנוילט — ווי אַן אַלט, טראַגיש וועזן —
אַן אָפּגעטראָגענער מאטראַץ,
וואָס וויינט אוים פאַר דער נאכט און פאַר דער אויצער־שטאָט
א ווידע פון
א ביטער לעבן.

הונגער אין גאָלדענע צעבערס

ס'איז א הונגער אין לאַנד פון גאָלדענע צעבערס, —
ניט ווייל די ערד האָט דעם ווייץ נים גענערט,
ניט ווייל די זון האָט פרוכט ניט געזאַפּטיקט,
נאָר ווייל פרוכט און ברויט האָט אין לאַנד זיך געמערט.

קאָרידאָרן מיט פראָסט זיינען איצט געלעגערס,
ניט ווייל אין לאַנד אַ געלעגער עס פעלט. —
אָ, גאָלדגרוב, אָ, פלאַפּשטוב, אַמעריקע,
דיינע באַפראַקטע כאַזיירים אין רייכסטן האָטעל!

אָט זעט, אויף אַלע ברייטע סקווערן פון די שטעט
האָט מען אויפגעשטעלט יאָלקעס, באַצאַצקעט און אילומינירט;
און אויף אַלע ברייטע סקווערן פון ניו יאָרק
זיינען אָפּטריטן — נאַכטיקע דירעס.

אַ ווינטערלאַנגער שניישטורעם
ראַיאָטירט איבער ניו יאָרק,
ברענגט מען הונגעריק־דערפראָרענע
יעדן טאָג אין מאָרג.

מיט קעץ און מייז אין קעלערס,
אין קאַלטע קאָרידאָרן,
ווי די מיסט־זעק, ווי דער אָפּפאַל —
מענטשן קנוילן־איין די יאָרן.

קנוילן־איין דעם פריער
מיטן איצט פון וואָגלעניש און מאָרן;
וויקלען־איין דעם קאָפּ אין קאָלנער,
צו אַנטלויפן פון זיקאָרן.

פירהונדערט־טויזנט
צעבראָכענע בעטלעך און געמיטער.
אי דאָס הויז־ברוך, אי די היטער
ווערן צוגעדעקט פון שניי־געוויטער,
און ווייסע ווינטן קלאַפּן
מיט די בלעכענע דעקלעך
פון ליידיקע ברויט־קעסטלעך
אין דער נאַכט אריין.

עלנט
אויף אַלע טראָטוארן

עלנט
אין פערציקמיליאָן טריט.
דער,
וואָס האָט אַ היים נאָך,
קאָן זיך לאַנג מיט האָפענונג ניט נאַרן:
עס קומט געזעץ,
עס קומען שלעגער,
און די „היים", מיט ביטער לעבן,
איבער ברודנע שטיגן פליט.

ווינטער האָט קיין װענט ניט, —
און דאָס איז איצט די „היים" איבערן לאַנד.
די פיס פון פראָסט געפענטעט, —
גיי — און שלינג קעלט נאָכאַנאַנד.

די לעצטע פּאָר שיך

עס פּלאַצן די לעצטע פּאָר שיך אין אַמעריקע.
פאַרפרעמדט ווערן דעכער, קאָלדרעס און מאַנטלען.
עס ריידן די רויבער ווערטער כאַלעריקע.
— — — — — — — — — — — — —
מיר מוזן דעם הונגער אין קאַמפן פאַרוואַנדלען.

נאָך אין די טעג פון „מאַזלבראָכע"
האָבן אַרבעטער־קוואַרטאַלן
געשמעקט מיט קאַלטן, דאַלעסדיקן אינדערוואָכן,
געפראָרן די גערערים און די וואַסערקראַנען;
און שעריפס פלעגן אונדז באַפאַלן,
צונעמען די בעטלעך און די טישן — אַ כויוול אָפּצואווישן.

עס פּלאַצן די לעצטע פּאָר שיך אין אַמעריקע.
פון לעצטע קישן־ציכלעך ווערן טאָרבעס.
טאַטעס, מאַמעס, קינדער אויסגעמאָרעטע און דעריקע;
פון צוויי פּאָר שיך — געבליבן איז מען באָרוועס.

פענימער טרוקן ווי פאַרמעט,
געדערים און ברוסטן שוין לאַנג ניט דערוואַרעמט,
נאָר רעוואָלט פון הונגער־מאַרשרוטן
צעוואַרעמט די בלוטן.

אַלטע מאַנטלען זיינען פול מיט קעלט און פראָסט,
ווי טראָקס צעטרייסלטע אַף ווינטערדיקע טראַקטן.
און אַז אַ מאַנטל פעלט — טראַגסטו וואָס דו האָסט,
ווי מען קוויקט זיך מיט אַ ברויט אַן אַלטגעבאַקטן.

דאָ באַלד, אַף גאָלדענער בראָדוויי און האוסטאָן,
שלאָפט מען אַפן פראָסט פון לאַט.
פערטער ווינטער אַז מען ווייסט ניט פון זיך אויסטאָן,
פון אַ באָד און אָפּעסן צו זאַט.

דורך נעכט ווערט די הויט געשפּאָלטן
פון וואָלקנדיק־ווינטיקן פראָסט.
נאָר ס׳ווערט שוין דער קויעך פון הונגער־רעוואָלטן
איבער אים באַלעבאָס.

רירן זיך טרופּן, רירן זיך טראָקס,
לאָזונגען רופן אַנטשיידן און קלאָר:
הונגער ניט, פאָדער וואָס דו פאַרמאָגסט! —
פון פינצטערן הונגער מאַך ליכטיקן וואָר!

עס פּלאַצן די לעצטע פּאָר שיך אין אַמעריקע.
פאַרפרעמדט ווערן דעכער, קאָלדרעס און מאַנטלען.
מירן באַצאָלן אין צייט פאַר די מאַיסים כאַלעריקע
און צאָרן און הונגער אין קוילן פאַרוואַנדלען!

די אידישע וואוילטעטיקייט

ליכטיקע וויטרינעס. העלע קאַבינעטן.
גענוג זון, גענוג גאָלד און פאַרוואַלטער.
זיצן זיי גרייטע, וואונדיקע ווייטיקן צו וועקן, —
די הונגעריקע אָפּגיסן מיט קאַלטן.

פאַראַן ווייטיקן וואָס שרייען, ווייטיקן וואָס שטומען:
דער קאָרידאָר איז פול מיט בעטנדיקע און רוגזעדיקע טענער.
באָרוועסע, פאַרצווייפלטע האַלטן אין איין קומען.
עס טאַינען מאָנענדיקע פרויען און דראָענדיקע מענער.

„דער אָפּים פון פאַראייניקטע אידישע באַל־צדאָקעס" —
צעלויכטענע דאַמען פאַרנעמען זיך מיט פראַגן־אינקוויזיציע. —
אויסגעבאַוועט, אויסגעפּוצט און אָנגעזשליאָקעט,
מיט צופרידענעם באַוואוסטזיין פון „וואוילטעטיקער" טראַדיציע.

ביזט געקומען היינט, וועסט קומען מאָרגן, קומען ווידער.
און יעדן טאָג ווערט דאָ דיין לעבן מיט די ווייטיקן צענומען.
פראַגן טרעפן דיך ווי מעסערס, ביז דו פאַלסט אַנידער, —
נאָר די הילף איז אַלץ נאָך ניט געקומען.

די פראַגן צילן ניט דעם עמעס פון דיין הונגער צו דערגיין. —
דער ציל איז: טאָג נאָך טאָג מיט פראַגן צו פאַרמאַטערן,
דורך דעם — פון געבן הילף זיך אויסצודרייען:
וואָס מער הילפלאָזע אָן הילף אַראָפּצופּאַטערן.

פון די מאַסן יאָר נאָך יאָר מיליאָנען קלייבט מען,
פון „אידישער וואוילטעטיקייט" איבערן לאַנד פּלאַקאַטן שרייען.
פון שטילע אַפּליקאַנטן אַפּליקאַציעס צערייבט מען,
אַ ברויטל קריגסטו, אַ זעקל קוילן, — ערשט ווען עס קאַרטשעט
דיך אין דרייען.

יאָר נאָך יאָר מיליאָנען רייסט מען,
מען שלעפּט אומעטום בא די מאַסן פון די קעשענעס,
און מיט געפּלאַנטע ליגנס אַלע טאָג באַווייזט מען,
אַז איך און דו זיינען ניט אין נויט — באַטש די קינדער זיצן
ניט געגעסענע.

נאָר שטאַרבסטו בא די טירן פון די קאַבינעטן,
דעמאָלט ווערסטו „אויפגעריכט" און ביזט אַ „סראָרע":
דאַרפסט שוין יעדן טאָג אַהער ניט קומען בעטן, —
דעמאָלט קומט מען שוין צו דיר צו פאָרן.

דאַמען צוויי, מיט פּאָליציי, אַף צוויי אָטאָמאָבילן,
ברענגען ברויט מיט פלייש און אַ קאָשערן באַגרעבער.
צו פאַר שיכלעך פאַר די קינדער און צאַצקעס זיך צו שפּילן. —
און די דאַמען ווערן פון „וואוילטעטיקייט" ליכטיקער און גרעבער.

מיטגעבראַכט די פּרעסע — ווערט יעדעס ברעקעלע פאַרצייכנט.
דיקטירן גרויסמוטיק די דאַמען, און די פּרעסע שרייבט ראַפּאָרטן.
די נייעס פון זייער „וואוילטאַט" וועט נאָך היינט דער וועלט
דערגרייכן, —
וועט היינטיקע נאַכט זיין זיכער מאַזלדיק פאַר קאָרטן.

דער באַגרעבער הענגט אַרויס אַ זיידן טרויען־באַנד אין דרויסן,
און טשעפּעט־צו צוויי דאַרע, לעבעדיקע בלומען.
אַפן טיש שטעלט די פּאָליציי צוויי פּרוכטן־פולע קוישן, —
זאָל מען זען — ווען די שכיינים וועלן קומען.

די פּרעסע נעמט זיך פון דעם אַלעם בילדער שנאַפּן, —
אַף מאָרד און דאַלעם בליצן קאַלט די אַפּאַראַטן.
די מאַמע און די קינדער האָבן שוין וואָס איבערכאַפּן,
נאָר געמוזט האָט מען באַצאָלן מיטן טאַטן.

כאַפּט אַרום די קאַמערע די פּאָליציי און דאַמען,
דעם מעס אינמיטן, די קינדער מיט דער מאַמען :
פּאָזירט „וואוילטעטיקייט" אין טויט־ און הונגער־פּאַנאָראַמע,
ווי אַ רעזשיסער — אין אַ געלונגען־אינסצענירטער דראַמע.

און צוריק אין די זוניקע צדאָקע־קאַבינעטן
פאָרט די אידישע וואוילטעטיקייט, מיט פּאָליציי און פּרעסע, —
מיט נאָך אַ באַווייז פאַר דער וועלט אַ קאָנקרעטן,
אַז די נויט־באַדערפטיקע ווערן פון זיי ניט פאַרגעסן.

די בויערי

פּרעלוד

1

ס'האָט יעדע שטאָט,
אין יעדן לאַנד,
פּעלדער און זומפּן פאַר מיסט.
אין כינע זיינען די מיסט־פּעלדער
די „שעפּעדיקע בריסט"
פאַר פיר הונדערט מיליאָן הונגעריקע קולים,
נאָך דעם אָפּפאַל פון די פּרעסערישע יאָנטעוודיקע טעג און טישן.

ניו יאָרק, די שטאָט,
וואָס איז די שטאָל־קאַסע פון אַלע היגע אוצרעס,
האָט אַ גאַס, אַ זומפּ אַזאַ,
וואוהין זי שלעפּט פאַרהונגערטע און הילפלאָזע
און טיטלט זיי —
ווי אָפּפאַל און ווי מיסט:
ס'האָט דורך זומפּן שטענדיק זיי געגאָלטן
צו פאַרנאַרן שוואַכע — וואָס קאָנען ווערן קויעך פון רעוואָלטן.

אַמאָל, אַמאָל,
האָט אַף דער בויערי געפליסט אַ קראַנק־צעפלאַמטער שטראָם
פון בלוט און מעסער־רויב: די בויערי
איז פול געווען
מיט קראַנקע טרעמפּס און מעסער־העלדן
וואָס האָבן זייער לעבן און די אויגן אויסגעברענט
אַפן בלישטשנדיקן קויב
פון ניו יאָרקער באַרגנדיקן גאָלד!
יעדער אַרבעטער און האָרעפּאַשניק איז אין זייער קראַנקן אויג
אַ יאָלד:
„אַזוי פיל גאָלד! אַזוי פיל גאָלד!"

היינט איז די בויערי
נאָך אַלץ אַ זומפּ,
(די בויערי וועט בלייבן זומפּ
ביז אָקטאָבערדיקע טעג!)
איז נאָך דאָ דער מעסער־העלד, נאָך דאָ דער טרעמפּ,
נאָר ניט יעדער איז דאָ היינט אַ טרעמפּ,
און ניט יעדער איז
אַ לומפּ.
די וואָל סטריט שטאָט
פאַררופט אַהער,
פאַרנאַרט אַהער
מיט שווינדלערישע אַרבעט־אַגענטורן,
מיט פוילע קלויסטער־הורן, וואָס מאַניען די געזונטע אַרבעטלאָזע מאַסן
מיט שטאָטישער „גוטהאַרציקייט" פון ניט זעטנדיקע שפּורן
פון ברעקלעך שרייענדיקן בעטל־ברויט.

ניו יאָרק פילט די געפאַר,
וואָס וואָרצלט שוין אַף יוניאָן סקווער.
צו ליכטיק איז, צו פאַקלדיק
דער סקווער פאַר איר!
מאַניעט זי
און שלעפּט אַהער אָט די וואָס קראַמפּן
פון הונגער און פון צאָרן,
די פון אונדז, וואָס זיינען נאָך ניט רייף צו קעמפן און צו שטאַרבן
פאַר באַרוף פון אַרבעט,
די פון אונדז, וועמענס וואָרט ס'איז אַלץ נאָך ניט געוואָרן
אַ ברענענדיקע קויל
פאַר שטאָט און שטאַט, וואָס שלעפּט אין זומפּ.
פאָלגן זיי און קומען,
און שטעלן זיך אין ריי.
שטייט מען שאָען און מען פרירט. און ווען די פּאָליציי דערפירט
צו דער טיר פון שטאַל־קיך
דאַרף יעדער געבן לויב, דאַרף יעדער דאַנקען יויזלען און די שטאָט־לייט
פאַר דער שיסעלע זומפּיקן זופּ.

אמאליק בלוט אף דער בויערי
איז געווען דער שטאטס שרעק.
היינט איז יעדע ברודנע שיסעלע זופ
א זודיק פלעק פון אונדזער בלוט אף שטאט.
און שטאט און שטאט פון גאלדענער מעדינע
וועט דא ניט אפקומען מיט שרעק!
קויבן פון גאלד אף פארק עוועניו און וואל סטריט
וועלן ניט מאכן פון אונדז קויבן מיסט אף דער בויערי!
שטאט „לעבט־אויף" די בויערי
מיט סאם, מיט הונגער און מיט טויט,
מיר האבן דעם יוניאן סקווער פארטרויט דעם קאמף קעגן דער בויערי.

די בויערי וועט מוזן
זיין געהיילט!
די בויערי וועט מוזן ווערן העל!
די בויערי וועט אויך, דורך אונדז, נאך זיין א שוועל
פון וואנען צו באשיסן
די רייכע קאטעדראלן, וואו ס'וועלן זיך באשיצן
די היינטיקע מוניציפאלן,
וואס העלפן, העלפן גיכער
ארבעטלאזע פאלן אף דער בויערי.
און די ציטערדיקע האנט,
וואס שטרעקט זיך נאכן גראשנדיקן זופ,
וועט ווארפן שטריק אף יעדן סלופ און געבן די שטאט־פירער
דעם לעצטן לופ־דע־לופ
אף דעם צייכן פון דער פאן, דער רויטער פאן
און ביקס
אף יוניאן סקווער.

2

אלט־מויערדיקע,
טרויערדיקע בויערי.
ברייטער, שווארצער שטעך גאס
צווישן צוויי אלטע, פארדעכטיקע סקווערן.
שוואך זיינען
די ווינטן דא,

נאָכן קויל־און־מעסער שטורעם פון אמאָל,
קליין און ענג
די סקווערן, לאָזט זיך קיינמאָל ניט
פאַרקערן
דיין בלאָטע,
דיין זינד און
דיין ווײ.
שטאָט הערט
דיין שטומען געשריי, נאָר לייטישע שטאָט
קאָן ניט שטערן
איר מאָלצייט, שפּיל און
געשעפט.
שטאָט לעבט
לויט אַ פּאַפּירענעם העפט פון וואַקסנדיקע
ציפערן
און לויניק־אויסגעווײלטע פסוקים.
(נעם, דו,
בראַווע, ביינערדיקע באַנדע, נעם
פון אונטער דעם שאָטנדיקן סקעלעטן־פּלאָנטער פון על־ און.
ריווער־בריקן

דעם ברודנעם טשאַטהעם סקווער און רוק אים, רוק —
דורך קופּער—יוניאָן—מעדיסאָן—העראָלד און טיימס סקווערן! —
זאָל זיך אַזאַ שטאָלענער געדודער דורך רעלסענער סקעלעטן־שטאָט
דערהערן, אַז אַלע

פרייד־פון־שמאַלץ־פאַרגאַסענע אויגן
זאָלן פון דיין ווייטיק זיך צעברעכן. זאָלן די,
וואָס נויגן זייערע ראַפינירטע בליקן אָפּ פון דיין נאַכלעסיקן לעבן
די מאַכט פון שטאָל־און־פייער אין דיין „מאַכטלאָזיקייט" דערקענען.

מיטנוואָך

פרי.
בויגן זיך
נאַקנס, בויגן זיך
קני.
צעשמעטערטע לעבנס באַגעגענען טעג אינדערפרי.

שוין:
יעדער — בא זיין אָפּגעגאַרטן לוין. קרעמער
ציילן,
ציילן ווידער.
ווערט איבעראַנייס
צעטיילט
די וועלט
צווישן די „ברידער": „ווער עס האָט
זאָל האָבן! די איבעריקע
מוזן גראָבן, זוכן נייע
אויצרעס אַף דער ערד". ציילן, טיילן —
ווענען די שלעסער,
ווענען די
היילן.
איצט צעשפּילן זיך די קאָלאָסאַלע קאַרניוואַלן
פון ליטישער, מאַרקיקער גזיילע.
איצט יאָגן זיך,
רוישן די
באַנען
יעדע מינוט.
איצט הויבט זיך אָן הין־העריקער מאַרשרוט פון אווטאָמאַטן.
איצט וויברירט זיך צינד־נדיק
דאָס בלוט פון הונגעריקן,
טרעפנדיק דעם זאַטן. בוייערי־קרעמער
איילן
צו די קראָמען,
מיט זעקלעך קליינגעלט פאַרן טאָג: די הענט
אין ביידע קעשענעס —
היטן געניווויש
יעדן קוק און יעדן ראָג. (אָ, גאַס
פון רעגנדיקן, פרירנדיקן נאַכטלעגער
און קראַצנדיקער פּלאָג!) אָפּן,
באַלויכטן —
געפּאַקטע רעסטאָראַנען. ברודנע, באָרוועסע ארבעטלאָזע ברידער
קאָרטשען זיך

באַ ברייטע וויטרינעס פון געשיר געשעפטן, און מאָלן זיך
טעפּלעך וואַרעמע קאַווע
אין די קאַלטע, מעטאַלענע קאַווע־קעסלען מיט די פאַרדרייטע
קראַנען. — פאַרמאַרעטע,
צעפּראַרענע, פּרימאַרגיקע קלאַנגען, וואָס וואַרטן שוין
מער ניט געדולדלאָז
אױף אָנקום פון
באַנען, הערן שוין
מער ניט, דורך ווייטיקן טעמפּע, דורך צאָרן פאַרקלעמטן
דעם בראַזג איבער קעפּ.
ווייל שטאַרקער פון שטאַטישן שטאָל־בראַזג
שטורעמט אין דאַרשטיקע הערצער, האַמערדיקער
פון איילנדיקע על־באַנען שלאָגן די פּולסן
אין שלייפן, אין הענט פון אַ מיליאָן:
דער פיבערדיקער הונגער און בענקען נאָך ברויט.
בלויז אין קאַלטע,
קאַדאַכעסדיקע נעכט קאָנען זיי באַלעמען
פון בעטן מיט קאָלדרעס און
וואַרעמע טעפּ — אין גריבער, אין הויפן, דורך כווישעך פון שטיינגן
אױף קרומע, פינפשטאָקיקע טרעפּ פון פאַרלאָשענע כורוועס.
(אין דער ברייטער וויטרינע, מיט זעמל און טאָרט,
פון גרינעם רייכער קאַפּעטעריע הענגט אַ לאַנגע, זילבערנע האַנט,
האַלט דעם ערשט־דערפונדענעם „וואונדער־קאַווע־טאָפּ” וואָס גיסט
און

גיסט
אָן אָפּשטעל
קאַווע מיט שמאַנט, אין אַ טאַש
מיט גאָלדענע זוימען. — עך, ווען טרוימען
זאָלן טייקעף קאָנען ווערן פויסטן, — וואָלטן
בויער און גרעבער, וואָלטן סטאָליערס און ברוקער
ניט שטיין דאָ, אײנדרויסן
און בייסן די
גומענס
און ליפּן פאַרברענטע, באַ פענצטער מיט קאַלטן געשיר
און באַם גאָלדענעם אַנאַנסן־טאָפּ
פון מיסטער גרין — דעם קאַווע־גוויר).

נאָכמיטיק — בא װעמען ?
אַט זײַנען די
נעמען : בא אַלע
באַנקירן און
קרעמער. בא אַלע
װאָס האַלטן אין לאַפּעס דאָס לעבן
און קלעמען. בא אַלע
װאָס פרעסן דאָס לעבן װי פּעטע, געבראָטענע לעמער, און שענקען
דער הונגעריקער װעלט די ביינדלעך
דורך די לײַט פֿון גאָטס גאָלדענעם באַלעמער, צו דערװײַזן אונדז
אַז גאָט און גאַנעװ האָבן אַ ברית האָרץ. — די לײַט, די לײַט
װאָס היטן אָפּ פֿאַר זיך
די הױכע ציפֿערן,
צעפּראַלן טיר און טױער : ס'זאָל דאָס הונגעריקע פֿאָלק װאָס מערער
ליפֿערן
מאַנטלען, זײגערלעך, הױזן, שיך און רינגען : קריגן גאָלד־שטיקלעך
און צאָלן ניקלס ! —
(װען אַ מענטש איז הילפֿלאָז, און גייט אום װי אַ שטיק טרױער —
קאָן ער זיך ניט דינגען).
װאַקסט דער מאַרק־יאָנטעװ פֿאַר די פּראָצענטניקעס אין צײַט אין
ביטערער,
װען אין יעדן מאַשקן־פּעקל איז אַ קײװער טרױער אײַנגעװיקלט.

„פֿיין"־שעפּער — שעפּער פֿון פֿיין.
דאָס לעבן דאָ
בלישטשעט,
דאָס לעבן איז
פֿיין,
פֿיין און פּאָלירט, װי די גאָלדענע רינגלעך, טאַקטיש
און שטיל, װי
די האַלב־סטודענטישע, פֿאַר קלײנגעלט פֿאַרדונגענע ײנגלעך װאָס
ריידן, באַװעגן זיך
און האַנדלען דאָ
לױטן טעמפּ פֿון
די קלײנע,
גאָלדענע עלדזשינס,

וואָס באַוועגן אין אַלע שופלאָדן
דעם וואַרעמען וואוקס פון פּראָצענטן, „פּיין"־שעפּער און פּיין.
(דאָס לעבן דאָ

בלישטשעט,
דאָס לעבן איז
„פּיין").
באַוועגן דאָס לעבן פון מענטשן, וואָס זאַמלען יואוועלן און גאָלד
אָן דער פּאַרצייטיקער שיינקייט אַפילע
פון אַלטער לעגענדע פון רהיין. מענטשן וואָס בויען
אַליין אַ
לעגענדע
פון קליינע, גאָלדענע עלדזשינס,
וואָס פּולסירן מיט רואיקן אימפּעט פון זיכערן איינקונפט: פון
אָרעמע

גאַסן, פון אָרעמע
רעקלעך, העמדער און
שיך. —
די לעגענדע פון קרעמערשן שיוועט אַפן אינדזל מאַנהעטן,
וואָס זייער קאָפּ קאָן ניט זען דעם דיך. די לעגענדע פון
פעטן טשאָו־מעין
אַפן כעזשבן פון באָרוועסע
ביינערדיקע
פיס אין
געוויין.
(אינדזל, אָ, אינדזל פון רויב־קראָמען און קאַבאַרעטן! דיינע בויער
מאָנען אַרבעט, מאָנען ברויט און מאָנען
בעטן
אין קאַלטע, שטעכעדיקע, רעגנדיקע נעכט!)

פּערציקטויזנט יונגען,
(און נאָך פּערצן מיליאָן!)
פאַר וועמען דער הודיענדיקער פּייף און מיטיק־גלאָק האָט ניט
געקלונגען — יאָרן און כאַדאָשים (סיידן מיטיק איז
דער ברוינלעך־ברודנער, פּאַרעוועך בוליאָן
פון סעינט מערים שאַרבנדיקע שאַמאָסים, אין איר „דערלייזנדיקער
אַרמיי".

הײ־הײ. קרעמער,
פּריסטער
און שטאָטישע פּירער. הערט װי מעסערדיק
עס קאָן בא אונדז זינגען פון הערצער מיליאָנען דער װײ. הערט
װי די נאַקעטע יונגען האָבן דעם הונגער
אין לידער פון װאָרנונג פאַרזונגען. מײַן גרײטער אָרעה,
מײַן שראַטיק לײב
דאָס ליד, די לײד פון הונגעריקע אינגעװײד פון די, װאָס קאָנען זינגענדיק
מאָנען
אַרבעט און ברויט אױף די גאַסן פון שטאָט). אָט —

— —

ברויט — ברויט — אומעטום:
ברויט אין בעקערײען, פּולגעפּאַקטע טראָקס, אין קראָמען און קאַפּײען.

WARD'S BREAD!

אױף יעדן פּלויט. ברויט
פון בײנערדיקע הענט — פון קלערגישן געבאָט.
„ברויט און אַרבעט" — אױף פּלאַקאַטן אױף די װענט
פון אַרבעט־אַגענטורן. —
„פרײער ברויט און פרײע פורן" — פאַר די װאָס זײנען ניט געװױגט
צו זוכן שפורן פון פאַרראַט.
ברויט פאַר אַלע הונגעריקע, פאַר א „קלײנער"
ברודנער טאַט אין שנײדערײ, ברוקערײ,
בא אָטאָמאָבילן, אין סאָבװײס, בא פּוטערװאַרג, קלײדער, אין פעלדיקע ציגעלניעס,
אין זאַליץ־גרובן, גאָלד און קױלן־שאַכטן — ברויט! פּײפן, קלינגען,
טרובן קלױסטערלעך און אַגענטורן: ברויט —
פאַר ברודערלעכע בלוט־און־ברויט שלאַכטן איבערן לאַנד אַמעריקע.
נאָר די פּערציקטױזנט יונגען,
(און די פערצן מיליאָן)
געזונטע און דעריקע, טראָגן פון הונגער די פאָן פאַרבײ
די פּריסטער, די הענדלער פון
גאָלדענעם געץ און פון געטלעכער האַנאָכע. פאַרבײ,
פאַרבײ די

אגענטן פון
„ברויט און האצלאָכע".

אינטערלוד

דרייט זיך, דרייט —
שטאָטישע רעדער.
ניט קיין האָטעלן, ניט
קיין דיליזשאַנסן (פאַר אייך, פאַר אייך דערוויל
די שאַנסן): פון די שפייכלערס געזונטע, טאָג־טעגלעכע ארבעט, ערלעכן,

קאָרענעם ברויט און פרייע
אָפענע בעדער.

דרייט זיך, דרייט —
שטאָטישע רעדער.

פון יעדן צילינדער
אַף אַ שטאָטישן פליך
קאָן מען מאַכן צוויי־דריי פאָר שיך פאַר באָרוועסע קינדער און פרויען.
פון דעם זילבער, די לייכטער
אַף אייערע טישן
קאָן מען אויסשמידן אָדלערשע קלויען. (מען וועט).
בא אייערע טירן איז
געפאַלן שוין
ניט איין שטאָפּעט. פארגעסט. פארגיסט
מיט סקאַטישן ליקער. פאַרדעקט, פאַרבייסט
מיט בראָדווייער באַלעט. דרייט, —
אייער אייגענער שטאָט־זייגער גייט — קיינמאָל ניט
צוריק!
לויט דער צאָל טויטע שטאָפעטן איז צווישן אונדז ניטאָ קיין בריק. — דאָ איז נאָר —

שטריק. דאָ איז נאָר
פּלאָנטער
פון גליענדיקע וויטיקן. דאָ איז אַ
קנויל

פון דעם לעבעדיקסטן שיכט — אַ באַליידיקטן.
דאָ איז דער געצײילעמטער אָמעד פון בלייכע,
פּאַרעווע פּריידיקער, פון טעג, הימלען,
פון דערווײיליקע אויסזיכטן
ליידיקע. ליידיק פֿאַר אונדז, נאָר פול און פינקלדיק
פֿאַר דיינע קורוועשע קרעמער, געזעצגעבער און ריכטער,
פֿאַר די גאַלאָכימלעך, ראַבאָנימלעך, די מאַרך־געבריכטע
און פֿאַר די טיטולירטע שווינדלער
פון דיין „גאָלדענער" און בלוטיקער
געשיכטע.

שאַבעס

שאַבעס באַטאָג
זעט עס אויס
ווי אַלע,
אַלע זיינען
גרייט צום יאָנטעוו.
ווי אַלע לעבעדיקע ברידער אַף דער בויערי
זאָלן אין דעם ערעוו יאָנטעוודיקן טאָג געניסן פון
דער פולער, קרעמערישער שעפע.
קרעמער פּאַקן איין די רענדלעך אין די שטאָל־קאַסטנס,
נאָר די פּענים צאָלט מען אויס פאַרן אויסקערן
דעם שווערן שמוץ פון קאָרידאָרן. —
קויפן קראַנקע ברידער באַרוועסע דעם צאָרן אויס, די אַפּאַטיע
און קעלט,
דערטרינקט מען אַלע ווייטיקן, געפּאַקטע קראָמען און
די פרעמדע וועלט
אין
איין
קליין
פּלעשל
רויכערדיקן בראַנפן.
און ווען עס קומט די נאַכט פון שאַבעס־זונטיק
צעציען זיך אין קראַמפּן לענדן,
בריסט און
קעפּ.

דעמאָלט רינט איבער ברודנע, פינצטערע קאָרידאָרן־טרעפּ
גרינער ספּירט מיט גאַל, רינט
ברענענדיק
בלוט,
איבער די שוועלן,
צו דער גאַס,
צו די וואַקלדיקע, פון ווייטיק־קרענקלעכע פאַנעלן, פאַרנומענע
פון לאַנגע, מידע, אויסגעשטעלטע רייען באַ די אַלטע, שוואַרצע
„געטער־הייזלעך" וואָס פינטלען מיט
קליינע,
טונקעלע
עלעקטרישע צלאָמים — „הייליקע", פאַרשאַלטענע סימבאָלן פון
ברוטאַלן,
וועלטלעכן שפּיכעס דאָמים. דאָ,
באַ די טויבע, טונקעלע טירן איז אומהיימלעכער, שווערער
דאָס פרירן.
אינעווייניק בליצן אַנטקעגן שילד איבער שילד:
What is your life?

Greet the Lord in prayer!

וואָס
אונדזער לעבן איז? — איר,
אייער ליגנערישע טפילע, די לייזיקע דילן און ברויט
אויף דער בויערי
ווילט אויסנאַרן אונדזער דעוויז.
When—we—all—get—to—heaven!

When—we—all—see—Jesus!

הערט זיך צו צום שניידנדיקן רעווען
פון צעפּאַסעוועטן ווייטיק.
דערפילט די לײדן אין
צעבראָכענע געמיטער און קריזשעס. קום, דו,
געטלעכע אַנעמיע, קום — הייל
די בויערי עפּידעמיע
פון גייסט און ביין. אַ, ניין, שמאָלע, קלייזלדיקע,
קירכלעך־לייזלדיקע דאָיער סטריט. —
ביזט דער טעמפּער מעסער, דער טיפער טרויער־שניט

פון אונדזער לעבן אױף דער בױערי, װאָס דו האָסט דורכגעשניטן
און געטױט. יעזוס
קריסטוס —
אונטן און אויבן.
נאָר אונטן, אין „הייליקן קעלער", אױף די צעשפּאָלטענע דילן
װערט ניט, פאַר ליבער פון קעלטן צעמעסערט, דײַן גלױבן —
א װאַרעמע קאָלדרע.

פּוסטע, טרוקענע
ברוסטן
כריפּן,
הוסטן, װי דײַנע לידער און טפילעס,
װי דײַנע בײַסאױלעמדיקע אױטאָמאַטן — די אַמאַטאָרישע פּריסטער.
האַלעלויאַ, האַלעלויאַ — הייליקע הענדלער. אפן מאַרק פירט אַרוים
ניט דעם טױטן יעזוסן,
נאָר די קאַסטנס גאָלד און זילבער פון די קלױסטערס
און בײַט זײ אױס אױף בעטן און
אױף קאָלדרעס. (מיר װעלן! מיר װעלן!)
בײַט זײ אױס אױף בעקער־אװענס — צו קאָנען טרייסטן
כאָטש מיט ברויט
די, װאָס דײַניקע האָבן פאַרפירט
צו בעטלברויט, צו לעבעדיקן טויט. צו דער פּאַטאָלער, טראַגישער
גאַס

פון ברייטע באַנקן, בלומען־קראָמען, רייכע,
כינעזישע קאַפייען און ביזי־בי שטאָלן. (װעמען עס דרייען
די קישקעס
פון מאַלאַגע, פון נים און טשאָו־מעין און װער עס איז, ד'ערביי —
— באַם ביזי־בי —

צוליב דריי סענט געפּאַלן).
האַלעלויאַ, האַלעלויאַ, —
ניט דאָ װעט
די קרוין פון „דערלייזער" טאָן שטראַלן. האַלעלויאַ,
האַלעלויאַ.
ניט צװישן באַנקען און קראָמען פון בלומען
פאַר די
װאָס האָבן דאָס קראַנקע, אָרעמע לעבן צענומען װעט דער געזונטער

מאָשיאַך טאָן קומען. האַלעלויאַ.
האַלעלויאַ.

אינטערלוד

פאַר ווען, ווען איז
די נאַכט ?
פאַר די, וואָס זעען ניט די זון און זוכן, אומבאַוואוסטזיניק,
איר קופערנעם רעפלעקס
אין טויזנט־לעמפלדיקן ליכט פון שלעסער,
אויפגעבויט דורך בייטש־און־בלוט און גאָלדן מאַכט. פאַר ווען,
ווען איז
די נאַכט ?
פאַר די באָרוועסע בויערי־ברידער איז די נאַכט אַן ענדלאָזער,
פייכטער טונעל
מיט שטילע שאָטנס,
קלאַפנדיקע הערצער
און הייסע,
פאַרגליווערטע טראָפּנס
אין די רויטע אויגן־ווינקלען. —
פאַר זיי איז די נאַכט אַ דערמאָנונג אַז לעבן איז
לייב,
וואָס לעבט אַף וואַרעמקייט פון בעט,
ברויט און ווייב. פון דער ווייט — אַ ברייטער, צעשפּיזטער
ברענענדיקער דאַך איבער שטאָט. —
דאָס בלענדן, פּערציק בלאָק העכער,
עדיסאָנישע בליצן פון לייכטע, ליכטיקע לייב־און־פילם שפּילן
פאַר נאַכטיקן צייטפאַרטרייב. און דאָ כאַלעשט דער כאָלעם פון
לייבלעכן פאָרן
אין טעמפּע, מענערשע לענדן.
דאָ איז די נאַכט ניט קיין פינצטערער באַרג
וואָס פירט צו
דער זון.
דאָ איז די נאַכט ניט קיין לייטער
מיט גלייכע, געמאָסטענע,
זיכערע טרעפּ
צום ראַנד פון באַגינען.

די נאַכט איז דאָ
אַ הייל
וואָס היילט ניט
די היילבאַרע באַוואוינער פון היילן. (אַליין, אַליין
וועלן מיר די קראַנקע הויטן שיילן).
די נאַכט איז דאָ אַ שוואַרצע זייל־באַריקאַדע,
ווי דער „קאַמף" איז — קלאָלע, איינגעהאַמעוועטער פּראָטעסט,
אָן דער האָפענונג אַף זיג.
די נאַכט איז דאָ אַ גרויסע, פאַרסאַמטע פליג וואָס פליט און
זשומעט אין
די אויערן פון פרירנדיקע רייען: „גנאָד, גנאָד פון
יעזוסן. אָפּרו, ברויט פון קלייען — פון דער דערלייזנדיקער
מיסיע".

דאָ איז די נאַכט
אַ צענומענע שטוב, אָן ווענט, אָן טיר, אָן דאַך — אַ וויסטע
צעשראָקענע פלאַך — די נאַכט אַף דער באוערי.

רויע נאַכט,
פייכטער וואַנדל.
קאַמף און קאַלטער האַנדל פון פּערווערזע
און פאַסיווע בלוטן.
רייפע
וואונדן,
אין יונגער וויזיע פון לעבן געצונדן, — צעברענט און
צעבונדן
אין העפקער פון וואָרן גורל פון
וויזיעס —
אין רויע נעכט אַף דער באוערי.

אָ, ראָסטיקער רייף
פון בעטלברויט און ברודנע בעטן, באוערי — בעט,
בעט און בולוואַר פון באַליידיקטע בעטלברויט־ברידער. בלוט
און ראָסטיקער
שלייף
אַף צעצויגענע העלדזער פון נעכטיקע געוואָלט־און געזאָלט־און
געקאָנט זיין־אין לעבן אַטלעטן, — „העלדן"

פון אייגענער אינגל־ראָמאַנטיק און מאַנלעכן ווילן, וויזיאָנערן פון
אייגענע,
דערוואָרגענע ציִלן,
וואָס די ברוטאַלע קרעמער־וועלט האָט ניט דערלאָזט דערפילן.
מענטשן, לעבנס
אין ווינקלען
פון כאָרעווע קאָרידאָרן
שטייענדיק אַנטשלאָפענע, — געבויגענע,
שטאָלענע שאָטנס
פון האַמעטנע, גאָלדענע האַמערס געטראָפענע. הענט — אין
צעפליקטע
בוזעמער און קעשענעס. פּענימער — פון קעלט —
מעשענע. מענטשן,
מיט שטאַבעם איבער זייער גורל פאַרהויבן.
(ניט אַלע, ניט אַלע דאָרט קאָנען די שטאַבעם צעשטויבן!)
גרייט זיינען
אין אַלע ברודנע ווינקלען
קויבן
מיט מעסערנע געפאַרן.
נאָר שטייענדיק־שלאָפנדיקע שטאָלענע שאָטנס קאָן שוין מער ניט
אַרן (ווי די פאַטאַל־פליענדיקע אָטאָם
פון מאַרקיקע האַרן) סאַקאָנע אַף די וועגן.

די שטיינער פון בויערי־ברוק ווערן אויפגעוועקט פון רעדער, די
שלאָפנדיקע שאָטנס —
פון וואַרעמען, קאָרענעם רייעך
פון פולע וועגענער מיט לאַנגע, פרישע, פאַרטאָגיקע ברויטן,
בייגל און
זעמל.
עס פאַלן אויגן אַף אַ קעסטל
באַ אַ דערבייאיק קרעמל, נאָר אין פייכטן אויפציטער
פון פראָסטיקע טויען
פאַרגעסן אַלע דאָ צו בויען פּלענער
קענען איינגעלעבטן הונגער.
שפּרייטן זיך,
אינאיינעם מיט

באַגינענדיקע טויען,
די רייכעס וואַרעמע פון פולע וועגענער און שלעפערן,
פאַרשלעפערן, —
ווי אין ווייכע
בעטן
נאָענטע פרויען, — אַף נאָך געציילטע,
באַגינענדיקע רעגעס.

זונטיק

זונטיק פרי איז די בויערי אַ לאַנגער,
גראָער עקראַן
מיט הויכע און נידעריקע געקאָרטשעטע שאָטנס אין פלעגמאַטישער באַוועגונג.
ווען ניט ווען פייפט דורך אַ קריכנדיקע, געלע באַן איבער
דער איינגעראַמטער בויערי.
היינט איז רואיקער דער גאַנג: דאָ טראָגן זיך ניט אום
קיין בשאָמים־רייכעס
פון זונטיקדיקע בראַטנס. היינט ראַשט זיך ניט אַזוי
דער קלאַנג
פון קרעמערישן קליינגעלט. היינט איז „רואיק", היינט איז ברייט
די שמאָלע,
איזאָלירטע קליינוועלט. היינט איז
שטילער און פאַרטראַכטער
דער גאַנג דורך
דעם אָפענעם, גאַסיקן טונעל,
וואָס רעגיסטרירט אַפן אַספאַלט, אַף דער לאַנגער רעלסן־בריק פון „על"
און אַףביידע דורכגעטרעמפּעוועטע שורעס מויערן
יעדער רעגע אַן אַנדער מאַניע, אַן אַנדער וואָקל — דעגענערירטע שאַטירונג
פון זעל און
פון ראַנג.
די בויערי האָט יעדן טאָג נייעם פאַנג. דאָס אַלטע, מיסעמדיקע מיסיע־געזאַנג
דאַרף העלפן קלאָר מאַכן דאָס וואַסער און

די קעפּ
פון די „פּאַרלאָרענע".
נאָר פּונקט ווי העלפט איז זאַמד אין זייער ברויט
דעם קאָרנעם, וואָס קנאַקט ווי גלאָז
אונטער די ציין,
אַזוי איז זייער פרייער, גראָשנדיקער טעלער וואָרעמס
ריין פון אַלץ,
וואָס קאָן די רייען שניידנדיקע, שאַרפע שאָטנס געבן קליאָק. אַזוי קאָן
זייער ליוב, לאַמענט און ליד, די פּסוקים אָפּגעקראָכענע
די ברידער, די דערשלאָגענע פירן צו דערלייזונג,
צי כאָטש אָנטאָן זיי אַ ראָק אינמיטן קיווערדיקן מאַרט.
האַלעלויאָ, פּוילע פּאָטערס:
שטיינערדיק־האַרט — אייער ברויט און
געלעגער. אַלע, אַלע מיר — טרעגער: מיר, די געזונטע,
טראָגן דעם יאָך פון ניי־וועלטיקע בויער. די בויערי־ברידער,
די קראַנקע,

טראָגן די קלאָלע פון
גאָלד און פון גאָט, איר
ברענגט „דער—ליי—זונג"
אין בלאָטיקן זופּ.

אַ טאָג, אַ באַרעגנטער.
פּאַראַן וואָגלער דאָ
וואָס יעדערער פון זיי איז לאַנג שוין
אַ געזעגנטער
מיט זון און רעגנבויגן. די שוואַכע פונקען האָפענונג
אַריינצוזויגן
אויסזיכטן אויף בלעזלדיקע זונען, — פון אַ פלעשל, אַ
נאַרגילע
אָדער פון דער ציטערדיקער דלאָניע
טליען עטוואָס שטאַרקער
אין אַ טאָג מיט רעגנדיקע הימלען.
די פונקען טוקן זיך
און ווימלען: די אויסזיכטן
אויף בלעזלדיקע זונען שימלען, אין רעגנדיקע זונטיקס.
מאָנען, מאָנט מען ניט.

באַ ווענען בעטן איז ניטאָ. ווייקט זיך, בייזלעך,
הינטער ראָגן,
דער שמוגלער פון קאָקיין.
קוקט גייציק דורכן קעלער־פענצטערל דער אידליק
מיט די רויכיקע געטראַנקען.
דרייט מען זיך אום באַ די קעלערס, רייבנדיק די נעזער, זיך לאָבנדיק
מיט סאַמיק־אַלקאָהאָלישע געשטאַנקען, וואָס רעגן ביז ווארעמקייט,
וואָס רודער׳ט־אויף
דעם אומפּלייט אָפּן לייב. נאַסע, נאַקעטע
קעפּ, אויסגענעצטע ברוסטן
און אָפּגעטעמפּטע ווייטיקן.
אין אַ טאָג אַ רעגנדיקן
קומען אַף די ראָגן ניט אַרויס יעזוסעם שאַמאַסימלעך
צו פרײידיקן האָפענונג אַף זון,
אין די קומענדיקע טעג פון „אויסלייזונג"
דורכן „טאַטן און זון".
אין רעגנדיקע זונטיקס קומען זיי ניט ראַטעווען
מיט רעטונגען פון אויבן.
היינט זיצן זיי באַ זייער ביבל, לעבן אויוון,
הינטער קלויסטערדיקע שויבן און „לייזן אוים" די „אומריינע",
די „זינדיקע" — פון ווייטן.
נאָר אין טעג אין זוניקע
קומען זיי און פּרעפּלען פון
זוניקערע צייטן — פאַר די וואָס זיינען מיד און פאָלגן ניט
זייער כריפּנדיקן רוף. האַלעלויאַ.

פּאַסטלוד

ניט איין
גאַס. ניט איין
סקווער.
ניט איין געגנט:
פון גרענד סענטראַל, דורך פּענסילווייניע, ביז די דזשוירזי וואָקזאַלן
ציען זיך די באָרוועסע בויערי־קאַרניוואַלן, דורך די נעכט,
די פאַרטאָגן.
„בלאָע הינט" באַפאַלן,
פאַריאָגן, טרייבן פון רויכיקן וואַרט־זאַל, פון סקווערן,

טרייבן פון ראָגן. (הויכשטאָטישער געבאָט! —
ביז די בויערי, געליטערט, געהיילט דורך יוניאָן סקווער,
וועט, אָנשטאָט פיפט עוועניו,
שפּאַלטן די
שטאָט.) קעפּ —
צעשלאָגענע, פּיס —
אָפּגעטראָגענע, אויגן, ציינער — צעקרימט.
גוירל און וועג —
פון פריסטער און שטאָט־ראַט באַשטימט. ניט מיט שפּייז,
ניט מיט גוטסקייט פאַר אָרעמע — די זילבערנע,
שטאָטישע בעקנס, נאָר די „מוטיקע", קאַלטע
פּאָליציייאישע שטעקנס
מאַכן אונדזער שטאָט באַרימט צווישן די ברידער אויף דער בויערי.

ברוינער, ברודנער ברוק. בוילעט
ברענט אַרויס פון דיר דער דרוק פון דעגענערירטן אינהאַלט
פון רייכער מעטראָפּאָליע.
דרוק
פון וואַקלדיקע פּיס,
פאַרטרונקענע בליקן. דרוק פון
צעבלוטיקטע גליקן.
דרוק פון פאַרשלאָסענע הערצער וואָס שטיקן מיט ביליקן בראַנפן
און רויך
פון גייציק־געקליבענע, בלאָטיקע סטאָמפּס
די רעטונג־געשרייען פון לויטערן לעבן, — סיי דעם נאַאיוון,
סיי דעם פאַרנונפטיקן,
ליכטיקן אינהאַלט, — אונטער די פייכטע,
צעפוילטע
קאָלדרעס פון דעגענעראַציע: דער וועלטס פאַרגיטיקונג
פאַר איר צעפּאַסעוועןן די יוגנטלעכע דעקאָראַציעס
פון וועלן ו ו ע ר ן, וועלן
ז י י ן. — די אַלע, וואָס
זי „שפּייזט"
אין אירע קריסטוס־שטאַלן אויף דער בויערי
און בייט
זייערע נעמען אויף

האַבאַ,
טרעמפּ און
שוויין.

קום, שטאָט.
קום, דאָרף:
קוק אָן
דעם טראַגישן קוריאָז.

קום, וועלט —
דאָ דער טשינק.
דאָ די גענג.
דער ביינדל־שפּיל־ווירטואָז.

האָ־היי, פּרינצן
פון ליכט־יאַם בראָדוויי און פון געגזועגע געניץ־פּראָווינצן: קומט
אין פולגעפּאַקטע אָמניבוסן, זעט און
צעפירט
גרויסשטאָטישע גערוסן איבערן לאַנד. האָ־היי, צופרידענע,
באַ דעם אַש
פון אונדזער בראַנד
ניט איר קאָנט
פילן. ניט איר קאָנט
אָנען
ווי אונדזערע לידער, אין ווייטיקן באַגראָבענע,
צעזינגען
דורך די רויטע מעגאַפאָנען, אין די קאַלטע מיילער
פון אייערע מיסטעריעזע, טאָלערדיקע פירער
אַ בויערדיקע שרעק איבער אייך, — אַ ביטערע בויערי־עלעגיע.
ס'וועט לאַנג שוין
ניט נעמען,
און איר וועט דערפילן.
מיר וועלן דאָ איבער אייך צעשפּילן
אָקטאָבערדיקע טעג!
און פון דער בויערי, ווי פון פיפּט עוועניו,
וועט דעמאָלט שוין גאָר אַנדערס זיין וואָס צו דערציילן!

מיר וועלן זומפּן טריקענען און היילן, און אונדזערע פּירער
פון די אווטאָבוסן
וועלן פאַר ארבעטער־טוריסטן
מיט ליכטיקע פּענימער דערציילן
די קראַנקע, די טויטע געשיכטע
פון אייערע זומפּן.

קום, קום, שטאָט
צו אונדזער גאַס.
קום, זע
דיין רויט־שוואַרצן פּאַס. —
וואו עס ברענט
דער אָנזאָג : דין ! —
פון אויג,
פון ברוק —
רייפער האַס.
קום קוק,
דו לאַנד פון „בראַווע".
קום, אין גאַס וואו טרוים איז — קאַווע.
קום, ברענג דיין קרוג פון וויין אהער :
שעפּ, שעפּ אויס
דעם ברויט־באַגער.
ביז גאָר
שעפּ אויס,
שעפּ גיכער :
ביז העמד אין בלוט ווערט טיכער.
ביז בראַנד פון דאָרשט פייפט וויכער.
פייפט ! — —

די גאַס פון בלוט און בלומען

(די 28טע גאַס)

בלומען איז איין זאַך,
עפּעס אַנדערש איז — דער נאָדל פּאַך.

נאָדלען שטעכן אין די פינגער,
הונגער — אין די ביינער.
רעוואָלווערן, מעסערס, שאַרפע צינגער
פון די קאַהאַנס, קויפמאַנס און די פריינים.
דאָ טראָגט זיך די „על״ באַן
מיט טומל און ליאַרעם.
דאָ יאָגט זיך דער מאָרד־קלאַן
אויף פערד איבער אונדז,
נאָר אַרבעטער בלוט איז דאָ וואַרעם.
אַרבעטער בלוט איז דאָ הייס.

אַ גאַס — מיט בלומען און קאַמף.
שמעקט די גאַס מיט בלומען און מיט בלוט.
קרעמער מאַכן קרענץ פאַר קוואָרים.
קעמפער קרעפּטיקן דעם מוסקולירטן אָרעם.
קרעמער פלעכטן קרענץ פאַר קאַלעס.
קעמפער ראַנגלען זיך מיט גאָלד, גאָרילעס, דאַלעס.

די פּאָליציי שטייט באַ די טירן נומער 131, —
ברוטאַל, ביטער און בייסיק.
בלוט און בלומען לאָזן אויף דער גאַס דאָ לייכט זיך שפּירן.
די פּאָליציי לאָזט זיך ניט רירן.
נאָר ווערט דער קאַמף צעפּירט — איז זיך גערירט!
ווערט די גאַס פון אונדזער צאָרן אויפגערויישט,
און ס׳רעדט ווערטער אונדזער פויסט!

אַ גאַס — פול מיט בלומען.
אַ גאַס — מיט אַרבעטער פול.

מיר האָבן דעם רייעך פון בלומען אין אונדזער גאַס ניט פאַרנומען, —
ווייל די גאַס פלעקט און שמעקט
מיט אַרבעטער־בלוט.

אַז מיר זעען דאָ די רייפע, שמעקיקע בוקעטן,
דערמאָנט דאָס אונדז אָן שלאַכטפעלד־לאַזאַרעטן,
וואו מיר ליגן אויסגעקרימט פון ווייטיק,
ווער סע שרייט, און ווער ס'איז שטום,
און די „שוועסטער" ברענגט צו יעדנס בעט אַ בלום.
בלוט פון אַרבעטער און בלומען פון בורזשוי איז אַ שלעכטער גראַם,
ווי אַ זויג־קינד, אַ געזונטס,
בײַ בריסט פון אַ סיפיליטישער אַם.

איך האָב געזען בלומען אין כאַקי־העמדלעך אויף רויטאַרמייער,
איך האָב געזען בלומען
אין בלוזקעס אויף די מיידלעך
בײַ סאָוועטישע פאַבריק־קאָנווייערס.
דאָרטן גראַמט זיך אומעטום
בלוט מיט בלום.
דאָרטן גראַמט זיך בלוט מיט גוט.
מיט בלומען צו דער אַרבעט מיידלעך, יאַטן גייען.
און ווען זומערגאָרטנס נעמען זיך אויף שטעט צעווייען,
קומען אַלע רייכעס אָן אויף אַלע גאַסן
וואו דעם אַרבעטער איז גוט.

אַ גאַס — אַ גאַס —
און גייען דאָ מענטשן מיט בלומען אין לאַץ,
איז דאָס אַ בלומענקראַנץ־פאַרקויפערל,
אַ באַבלומטער גאָרילע
אָדער, אין קליידער ציווילע, —
אַ פּאָליציייאישע ראַץ.

זאָלן זיי גיין. בײַ די טירן דאָ שטיין.
איינימטן רויש. אינמיטן ראַש.
גרייט איז יעדער יעדע רעגע. —
וועלן מיר דעם גאַנצן ברוך, מיט די בלומען, מיטן בלוט,

מיט די הינט, די היטער
דערלאַנגען אַזאַ וואַש
מיט אונדזער הייסן, צאָרנדיקן אָטעם,
וואָס וועט זיין דער אימפּעט פון אָקטאָבערשן געוויטער.

דער רוף

(צום דרעסמאַכער־סטרייק)

די שאָ,
דער רוף.
קלאָר דער קאָפּ און גרייט דער גוף.
אימפּעטיקער צאָרן און געוואַגטער קאָל.
עס בויגט זיך אויס די גינגאָלד־שאָל — פון שאַרפן שטאָל
אין בלייכע לייבער.
די שאָ, דער רוף:
אַוועק פון ראָד!
שניידער, שטעפּער, לויף און לאָד
מיט דיין אימפּעט אָן די גאַסן, וואָס זעען אויס ווי אָנגעגליטע פּאַסן
פון דיין וויטיקדיקן לעבן. — גענוג,
גענוג געגעבן
דער גאַס, דער שטאָט, דער וועלט;
די רעדער און דינאַמאָס אָפּגעשטעלט! פאַרשטילט!
אין רויטע ליכט־פּאַסן פאַרהילט
די קליידער־שעפּער און די קראָמען.
זאָל פינצטערן איבער פאַבריקן יעדער פינקלדיקער נאָמען,
וואָס איז פון אייער קנעכטשאַפט דער סימבאָל.
זאָל רוען אומרואיק און וואַקלדיק שפּאַצירן די גאַנצע שטאָט ניו יאָרק
פון אייער גאַנג און קאָל.
זאָל האָפּערדיק גאַלאָפּירן
אָפן פּיקעט־ליין די פּאָליציי. — די זיגער וועט איר זיין,
ניט זיי.

די „טויטע קראָ"

(סטרייק־רוף)

או—או—או—ו—אוי! — צוועלף! —
שנייד! אַ שניט
דעם טאָג אַף העלפט.
דעם טאָג, די זייד־שפולן, די ארבעט — שנייד,
ווי אונדזער לעבן אַף דער העלפט. צווע—ע—עלף!
יאָך — ארונטער! רעק — ארויף.
פון אימפּעט ביי מאַשינעס
ווערט אימפּעט פון דער פריי, נאָר אָן דעם קאַלטן
פרעסנדיקן בליי,
וואָס וועגט אַף אַלע אַקסלען בא דער ארבעט
פון האר־און־פאָרמאַן־בליקן,
פון פראָסט־געגלאָזטע אָפיס־טירן און פון שווערער, כמורנער סטעליע.
יאָך — ארונטער! רעק — ארויף!
ניט קיין שטעפּ־מאַשין־קאַפּעליע — אַ וועלט,
אַ וועלט איז אויף! צוועלף! — פייף
מיט הייסע שפּיזלדיקע פאָנטאַנען
צו די הימלען. היינט
וועט דער פייף פון סירענעס צעצימבלען
די אילוזיע פון מארקיקן סעזאָן. העי! — באַלעבאָס!
אין כעזשבן פארטאָן? הערט
די סירענעס, דעם פייף הערט
פון היינטיקן צוועלף: ניט מיטיק,
ניט עסן:
אוים שניידן, אוים שטעפּן, אוים פרעסן! — אין כעזשבן איז
לייכט צו פארגעסן,
אַז פייף
פון דעם אייגענעם קוימען
קאָן פייפן די פרייד
פון ארבעטערס טרוימען. לאַנג! לאַנג! —
דאָס שלאָגט, דאָס קלינגט
אונדזער היינטיקער דראַנג

פון דיין מעכאנישן „צוועלף״־היטער! קום, קום ארויס,
דערפיל דעם ציטער
פון דיין אָנגעשטעלטער שאָ.
זאָל שלאָגן,
זאָל קלינגען
דיין ווילן דער זייגער! — דער שאַפּ איז
א שטומער, דער שאַפּ איז
א פייגער. מאשינעס — געליימטע, געוואַנט —
האַלב־געזוימטער, צעוואָרפענע,
אָפענע שערן —
ווי קלוגע לאַפּעס
פון בערן —
לויערן שטיל: עס ווייסן, עס פילן
די שערן דעם ציל.
עס ווייסן און בענקען די באַלקנס, עס פילט
דער פאַראומערטער דיל.
ארויס, קום ארויס, באַלעבאָס,
פון דיין אָפּיס.
גיב די ציפערן אָפּרו,
גיב אָפּרו די זאָפּעס.
שטעל זיך באַפעליק אין טיר און באַפעל,
באַפעל צו די ווענט
אז דיין וועלט, אָט די טויטע
זאָל ווערן א וועלט אפּדאָסניי!

— — — — — — — — — —

צעבראָכענער קוירעך — וואָס שטייסטו
א שטאָלצער, א בלייכער! באַווייז, נו דערווייז
איין איינציקן זייכער
פון לעבן — אָן אונדז! —דריי־אָן
די מאָטאָרן.
די פּאַסן לאָז לויפן.
באַלעב מיט דיין צאָרן,
די שטאָלענע רעדער און רייפן.

— — — — — — — — — —

זשז — זשז — זשזזששז! — אַ לויף, אַ געלאַף:
עס לויפן און רוישן
מאַשינעס און פּאַסן, רוישן און וואַרפן
שרעק אַנשטאַט קליידער,
וואַנזין און איימע און רויש פון רעוואָלט.
האָ־האָ! — ווילסט ווידער
דיין וועלט: דעם שאַפּ, די מאַשינעס —
מיט אונדזערע לעבנס באַזעלט! — שיק נאָך דיין ברודער,
דעם ברוט, דעם ווילדן בוהאַי,
וואָס דינט דיר מיט מעסערדיקן מוט.
האָסט דיר שוין, האָסט דיר די טעג שוין.
האָסט דיר שוין, האָסט שוין די יאָרן. נאָר מיר האָבן
מאַי,
מיר האָבן אָקטאָבער.
מיר האָבן דעם פּייף
פון דיינע סירענעס: איז וואָס קעגן דעם
דער מוט און די נעגל
פון דיינע געקויפטע היענעס?
שטיל איין, שטיל איין
דיין ווילן. מילדער
דיין צאָרן. דיין צייט־זייגער
נעם און
צעברעך. הער נאָר,
הער־צו
פון די פּאַסן דאָס זשומען. הער,
הער ווי עס ריידן מאַשינעס.
הער ווי מעשוגע ס'באַוויינט דיך דער שאַפּ:
ס'איז דאָס גרויסע געוויין פון די שטומע,
וואָס לעבן דורך אונדז און מיט אונדז.
ס'איז נאָדלדיק, שטאָליק געוויין איבער דיין מאַרך, דיינע אויגן,
צעווילדעט,
וואָס ווילן אין פּוסטן געפּילדער
פון ליידיקן שאַפּ
דערשפּירן ניטדראַאיק לעבן. — ניטאָ שוין, ניטאָ:
דיין סטעליע הענגט אַ טויבע, אַ קאַרדאַנענע,
און עס שלאָגן ניט אָפּ אין איר אונדזערע טענער.

דיין זייגער איז — אַ טויטע קראָ,
וואָס היט דיין ווילדן סוס.
דיין ליפּט איז
אַ דערשטיקטער זשוק
אין שוואַרצער, קעלערדיקער הייל.
אין דיין שפּאַן איבערן שאָפּ, אין דיינע טריט
ווערסטו ניט הערן
דעם אימפּעטיקן ריטם פון מיידלעך און פון מענער
אין דער מיטיקדיקער שאָ. פּרוביר,
באַריר די „קראָ"
אָן אָפּשרעק פאַרן קלונג!
ריר ווידער אָן
דעם שאָפּ מאַשינעס,
אָן מוירע פאַרן דראָענדיקן שוואונג
פון נעשאָמעדיקע שטאָלן. גיי, פאַרמאַך
די לאַכנדיקע שערן,
וואָס פּולסירן ווי אונדזערע הענט. וויש אָפּ,
פאַרוויש פון ווענט דאָס לאַנגיאָריקע קלערן
פון קעפּ, געבויגענע, פאַר דיר
און פאַר דיין „קראָ".
(דאָס איינציק־„לעבעדיקע" דאָ איז נאָר דיין גרויסע פאָן
פון רויט־ווייס־און־בלאָ,
וואָס שטייט פאַרווינקלט, וואַרטנדיק אַף גרויסן יאָנטעוו פון
פאַרשוועכטע רייד
פון טויטע פּיאָנערן).
מיט דיין שטייפן קאָל
לעב־אויף
די וועלט פון שטאָל!
מיט דיין שאַרפן קוק
הויב־אויף
דעם „דערטרונקענעם זשוק"! (האָ־האָ!) לויף, בעסער,
יאָג
פון דעם בונט פון צערודערטע שטאָלן.
די „קראָ", דיין טויטע קראָ דערווערג.
פאַרשלים! פאַרהאַק!
אויב איר זייט וועלף, זיינען מיר דער וואַלד.

ס'האָט דיין קוימען היינט געשאַלט
אונדזער רייפן רוף —
דעם רוף
פון רירנדיקע וועלדער. דיין קוימען איז
דער פייערדיקער מעלדער
אַז עס גייט, עס קומט
דער ברענענדיקער וואַלד אויף דיר! —
— — — — — — — — — —
או—או—ו—ו—אוי! —

מאָריס לאַנגער

דיין לעבן איז געווען אַ שטילער,
כאָטש ס'איז יעדער טאָג דיינער געגאַנגען אין געשלעג.
האָסט שמייכלענדיק באַגעגנט מעסערס פון גאָרילעס,
אָפּגעווישט דאָס בלוט, און ווידער נאָך פּאַררעטער אין געיעג.

דיינע רייד — ניט געקרייזלטע,
זיכערע און האַרבע,
האָבן מיט געזונטע, שאַרפע ציין
זיך איינגעשניטן אין שקלאַפעריי פון פעל־פאַרבער און גאַרבער.

דיינע יאָרן — ברייטפּלייציק באַוואָפנט
מיט מוט און מיט דערפאַרונג,
אין שטאָל־גאַרבאַרניעס שטענדיק דיך געטראָפן,
אינמיטן קאַמפן און געפאַרן.

איך קוק אויף דיר און פרעג זיך: וואָס איז מוט?
ניט אַ מאָמענט־געוואַגטער אויפברויז פונם בלוט.
ניט דער איבעראײַלטער אימפּעט פון אומדערפאַרענעם רעקרוט,
נאָר קאַמף, טאָג־טעגלעך, קעגן מעסערדיקן ברוט.

מען האָט דעם טויט שוין לאַנג דיר צוגעזאָגט.
אין יעדן קאַמף האָבן אים די מערדער דיר געגרייט.

דיין יעדער גאַנג האָט אויסזיכטן פון טויט פאַרמאָגט.
נאָר דו האָסט די געפאַרן מיט רייד מיט רואיקע באַגלייט.

ביזט ניט געווען באַפּעדערט מיט גלאָריע פון סטאַזש.
אָוואַציע האָט ניט געגילדעט דיין קעמפּערישן ראַנג.
אין אַרבעטער פאַרפירטע געוועקט באַוואוסטזיין און קוראַזש,
אַ ליכטיק לעבן פון געפאַרן, זיגן און געזאַנג.

האָסט געשמידט און איינגעשפּאַנט אַקשאַנעסדיק און שאַרף
דיינע יאָרן, דיינע טעג, — די גאַרבערס לעבן מאַכן גרינגער.
ס'האָט גוטמוטיק דיין אויג געזאָגט: וועט'ן פאַלן, — אויב מע דאַרף. —
אין קאַמף איז ניט די צייט מיטן לעבן זיך צו דינגען.

האָסט פון די קליינע גענימלעך פאַראייניקט אַלע פוטער־פאַרבער,
און אין האָלענדערס גרויסן גענים דעם רוף געגעבן.
„נו" — זאָגסטו — „איצט וועל איך שוין מוזן שטאַרבן, —
ס'וועט האָלענדער מיך לאַנג ניט לאָזן לעבן".

פון זיין מערדער־האַנט ביזטו שוין דער פערטער
נאָך רובין, נאָוויק און באַלעראַ.
נאָר מיר שטייען נאָך שטאַרקער קעגן די רויבערישע מערדער.
מעגן גרויס זיין די געפאַרן און די קאַמפן שווערער.

פון האָלענדערס פאַבריק די ציגל
זיינען דורכגעווייקט מיט בלוט, ווי זיינע פעל.
דיין טויט איז אַף זיין מאָרגן נאָך אַ פייערדיקער זיגל,
וואָס ברענט מיט שריפט פון סאָף אַף זיינע ווענט און שוועל.

ס'איז דער נעכטן אונדז אַ מאַסנקייוועער, ווי דער היינט,
דורך די הענט פון די בלוטיקע באַצווינגער:
איין מישפּאָכע מערדער — אין פאַבריק, אין פעלד און מיין,
היינט זיינען זייערע נעמען: האָלענדער און זינגער.

און די נעמען בליצן אינם גאַרמענט צענטער,
טראַקס צעפירן זיי אין גאָלד איבער ניו יאָרק.

נאָר פאַר די אַרבעטער איז דער טאָג שוין אַ דערקענטער,
ווען האַלענדערס הימלקראַצער וועט ווערן זיין איינענער מאָרג.

מיר האָבן שוין מעסערס געפילט אין אונדזערע ביינער,
אין ברוק פון גאַרמענט צענטער ברענט בלוט פון אונדזערע ריפּן.
און פאַלט נאָכאַמאָל אין שלאַכט פון אונדז איינער
ווערן נאָך פעסטער אונדזערע פויסטן, נאָך שאַרפער די ליפּן.

מיר ווייסן אַז מע וועט נאָך שלאָגן און נאָך מאָרדן.
נאָר מיר טרעטן ניט אָפּ פון אונדזער פּאָסטן.
מירן אויסוואָרצלען די פאַררעטער און די קליידער־לאָרדן,
וויפיל קאַמף און קעפּ ס'זאָל אונדז ניט דאַרפן קאָסטן.

ווי געדיכט עס זיינען פון מאַשין די שטעפּ,
איז אונדזער לעבן פול מיט צייכנס פון דעם סוינעס קלעפּ,
אָנגעברענטע נאָדלען — די מאָנונגען וואָס מיר האָבן געבראַכט,
און זיי זעען ווי איבער זייער טאָג רוקן מיר די לעצטע נאַכט.

דאָ, ווי אומעטום, ווערט יענע נאַכט שוין נאָנט.
אָקטאָבערדיק ווערט מאַי, און יעדער מאָנאַט.
און ווען מירן אָנצינדן דעם לעצטן פראָנט,
וועלן מיר קעפּ פאַר יעדן לעבן מאָנען.

שלוימקע דער שניידער

גוטער, אַלטער פּיאָנער,
העלד פון קאַמף און ארבעט!
פון בריסק ביז יוניאָן סקווער
אין קאַמפן מעסערדיקע, הארבע.

פערציק יאָר באַ שער און אייזן,
פערציק יאָר מיט ביקס געגרייט!
געקעמפט, געליטן צו באַווייזן
די האָרעפּאַשניקעס פון בריסק און ברוקלין,
מיט פּראָסטע, הייסע רייד
פון מאַרקסיזם־לעניניזם דעם באַשייד.

שאַרף געקעמפּט, געאַרבעט און געליטן,
מיט אַ צונג אַ שווערער, נאָר אַן אָנגעגליטער
אין די פייערן פון סאַמע מיטן
פון סוועט־שאַפּ און פון שלאַכטפעלד.

פערציק יאָר אין זשום פון מאַשינעס,
פערציק יאָר געגליט אַקטאָבערדיקע קלינגען
פאַר אַלע הענקער פון די פינצטערע מעדינעס !
פערציק יאָר הונגער, פערציק יאָר סלעק,
פערציק יאָר קעמפעריש זינגען
אונטער געפאַרן פון גילאָטינעס און העק !

העלד פון קאַמף און אַרבעט —
דערלעבט האָסטו, דערקעמפּט,
צו זען דעם עמעס פון דיין וואָרט
אין לאַנד פון רויטע ראַטן !
דורך גאַנץ סאָוועטן־לאַנד, דורך יעדן רויטן פאָרט
צעטראָגן עס
מיליאָנען רויטע יאַטן,
איבער טראָנען און ווארשטאַטן,
איבער דער ברייט פון גאַנצער ערד,וואָס צעבליט זיך
און דערהערט
דעם רוף פון ברויט, דעם רוף פון בלוט
פון אַרבעטער און פויער.

ליבער כאַווער יאָסל

אַ צעווילדעוועטער בער — דער טויט
איז אין אַן אויגנבליק באַפאַלן
אַ וועלט מיט שפּרודלדיקער פרייד.

אַ צעווילדעוועטער בער — דער טויט —
האָט אין טויטן־טהאָם געשליידערט
אַ זומער־זון מיט כאַווערישע שטראַלן,
וואָס איז געגאַנגען איבער אָרעמע קוואַרטאַלן, —
יעדן טאָג צו שיינען גרייט.

אינמיטן וועג, אינמיטן לויכטנדיקן גאַנג
האָט די ברוטאַלע לאַפּע דיר דעם זעץ דערלאַנגט.
זיינען אין טהאָם געבליבן ליגן טויט און פינצטער די סקעלעטן
פון דיינע לעבעדיקע רויטע מאַריאָנעטן.

וועסט אויספעלן אין יעדער שטאָט,
וועסט פעלן אין טעאַטער,
דיין פאַרב וועט אויספעלן אונדזער קינסטלערישן וואָרט,
ליבער כאַווער, באַלשעוויק, זיכערער און צאַרטער.

גאַנצקייט — וואָס מיר בלוטיקן
אין זיך צו שמידן,
דאָס ביסטו געווען. אַ פעסטער און גוטמוטיקער —
האָסטו פון ספּייקעס ניט געליטן.

דיין פרייד האָט ניט געהאַט קיין שאָטנס,
דיין לעבן האָט ווי יולי־זון געלויכטן אָפן,
דיין לעבן איז געווען אַ וועלט פון זינגענדיקע נאָטן,
דיין ליד — אַ שליסל,
וואָס האָט צו יעדער פרייד אין אונדז געטראָפן.

אין אָרעמקייט אין אידישער געבאָרן,
אין פייערלעכן קאַמף אַ מענטש געוואָרן, —
אַ מענטש, אַ קינסטלער, —
סאָציאַליסטיש, געניאַל אין אינהאַלט,
נאַציאָנאַל אין פאָרם.

האָט מען אומעטום מיט פרייד דערוואַרט
דיין בילד און ליד און שפּיל.
און וואו ס'איז פרייד געווען מיט פּיין און הונגער צוגעשפּאַרט,
האָסטו די פרייד באַפרייט מיט שפּילעוודיקן כיין
פון לענינישער קונסט פאַר אונדזער ציל.

שטייען טויזנט טירן אין אַ געגנט
טרויעריקע, שטומע;
ווי קאָן דאָס זיין אַז ס'האָבן גאַסן יאָסלען ניט באַגעגנט?
ווי קאָן דאָס זיין אַז ס'וועט יאָסל מער ניט קומען?

אַ וווייטיק מיינער, וווייטיק אונדזערער!
מיין שטוב איז פֿול מיט יאָסלס זינגענדיקע טריט.
די שטאָט לעבט־אויף מיט יאָסלס מונטערגאַנג,
יאָסל לעבט אין יעדן פֿריידיקן געמיט.

מיינע אויגן גיסן בלוט און טרערן.
יאָסל טייערער, עפּשער וואָלסטו בייז זיין!
נאָר מיר פֿעלט קויעך גאַנץ ווי דו צו ווערן! —
אָט שרייב איך דיר מיט בלוט אין גראַמען אַ מאַציייווע!
יאָסל טייערער: ווי גרויזאַם!

נאָר איך קום צו זיך,
און שטיי אַ שטאָלצער באַ דיין אָרן:
אַ שטאָלצער, ווייל דו שטאַרבסט אַ קאָמוניסט,
און דיין לעבן און דיין קונסט איז ניט פֿאַרלאָרן.

אומדערמידלעך — יעדע רעגע
פֿון אונדזער קאַמף האָסטו באַזונגען,
און מיר באַגלייטן דיך מיט לידער,
כאָטש מיר האָבן ניט איין טרער פֿאַרגאָסן.
דיין אַרבעט פֿאַר דיין קלאַס וועט אייביק לעבן,
וועסט אייביק אין אונדז זינגען —
ליבער כאַווער יאָסל.

סטיוו קאַטאָוויס

אין די קעלערס
פֿון הויכע הייזער אין ניו יאָרק
האָסטו איינגעהייצט מוירעדיקע אויוונס.
אַך, ווי העל דיין ברייטע ברוסט,
ווי פֿלאַקערדיק דיין פֿויערישער פּאָנים האָט געלויכטן
פֿאַר די צעפּראַלטע פֿייער־גראַטעס!

שטאַמען שטאַמסטו, ברודער,
פֿון קליינע, קאַלטע, קאָרטשענדיקע כאַטעס,

וואו ווארעמקייט און פייער
אין וואָיענדיקעווינטערדיקע נעכט
איז געווען א ווייט־וועלטיקע אוטאָפּיע.

באַ די גרויסע אויוונס, די צעפלאַקערטע,
לויכט און לייכט דיין פּאָנים.
ווייל אין יעדן אויוון זעסטו נאָר א זינגענדיקע קאַפּיע
פון א ברודערס האַרץ.
אין יעדן שטאַט, אין יעדן לאַנד, א לויכטנדיקן קאַפּ,
וואָס זעט דורך אַלע פייערן פעלדער צעאַקערטע
פון הונדערט און אַכציק מיליאָן,
אַרבעטער־ראַטן
אַפן אָרט פון א טראָן!

ביזט געפאַלן באַ די פייערן פון אונדזער אָנהויב, ברודער סטיוו.
נאָר אין דער ברייטער, אונטער־מויערדיקער טיף
הייצן זיך די אויוונס און מיר, ברודער,
דיינס גלייכן,
שטייען מיט די גליענדיקע קער־אייזנס,
און לייכטן,
ווי דו ביזט דאָ געשטאַנען
און געהייצט, געלויכטן און געהייצט
די איינגעפונדעוועטע דילן
פון די פאַרוואָרצלטע, ראַצכישע קלאַנען.

שוסטער סאַקאָ

ווי לעדער — האַרט און געהאַמערט —
ברודער, שוסטער סאַקאָ!
זיבן יאָר גראַטעס,
זיבן יאָר אויגן
פון באָסטאָנער הינטישע טאַטעס,
אויגן מיט בליקן, וואָס פאַלן
אַף אַרבעטער־ברוסט
ווי בראַנדיקע לאַטעס!

וואָס זיינען גראַטעס, וואָס זיינען ריגלען,
וואָס זיינען בליקן, ווי סאַמיקע זיגלען,
אַף ברוסט פון שוסטער סאַקאָ,
אַף הארטן לייב פון ברודער ניקאָלאָ?

ענג די קאַנורע, נאָנט אַרום לייב
ווי אַ הארטע, זאַלציקע העמד,
די פענצטער־שויבן וואָלקנדיקע, שמאָלע,
נאָר וואָס, נאָר וואָס —
אַז אין די שויבן שפּיזן זיך
פון היגע שטעט די שטרייטן! אַז אין יעדער שויב און שייבל
ברענט אַ לאַנד פון ווייטן!
טפּיסע־פענצטער ווערט אַ רויטע ראָם
אַרום דער וועלט
און אין אַלע שויבן
האָבן ראַטנלענדער מיט רויטע פאָנען זיך צעשטעלט.

טאָני דער מוליער

טאָני דער מוליער
גייט איבער ניו יאָרק און רעדט צו זיך.
גיי איך אים נאָך, און זאָג: „טאָני, עס רעגנט,
און דיר איז נאַס אין די שיך".
און ער ענטפערט: „ווער בעט דיך דערציילן?
די קרייסלער, די עמפּייר, זעסטו, —
כ'האָב דאָרט פאַרמויערט מיינע הענט,
און זיי האַלטן־אויף דעם הימל־מויער
פון סאַמע פונדאַמענט.
נאָר מיין הונגער — ניטאָ ווער ס'זאָל היילן".

— אָבער אומגיין אַזוי און דעם מאַרך זיך צעדרייען,
וועט דיין הונגער ניט שטילן. —
די רייכע באַנדיטן וועסטו דערפרייען,
ווייל אַ מאַרך אַ צעדרייטער צעקריפּלט דיין ווילן.

— דו רעדסט ווי אַ רויטער, — ווי סיריאַ רעדט,
און איך האָב קיין שיך ניט,
פֿאַרן קינד, פֿאַרן ווייב און פֿאַר זיך ניט קיין בעט.

— סיריאַ, סאַקאַ,
דו, און קאַרעלאַ דער גריך,
האָבן פֿאַרדינט דאָ
אויף מער ווי אויף ברויט, אויף אַ בעט און אויף שיך.
נאָר דאָס איז געבליבן בײַ רויבער אין הענט,
ווי דײַנע יאָרן, דײַן אַרבעט, —
פֿאַרמויערט אין האַרטן צעמענט
פֿון עמפּייר און קרייסלער.

— מײַן ברודער סיריאַ
איז אין לאַנד שוין דאָ ניטאָ.
מיט דיר און דײַנע רויטע האָט ער זיך געפֿירט,
האָט די פּאָליציי אים דעפּאָרטירט.

נאָר וואָס טויג מיר דאָ?
ניטאָ דאָ גאָרנישט מער.
כ'וואָלט אַליין געלאָפֿן איצט קיין טריפּאָלי,
ווען אַריבערכאַפּן זיך זאָל זײַן ניט שווער.
און סיריאַ האָט ניט געוואָלט, —
אַ פֿרײַע רייזע, אַלץ באַצאָלט, —
און ניט געוואָלט.

— דאָס רעדסטו, טאָני, ברודער, נאָר אַזוי,
ווײַל טראַכטן טראַכסטו ניט,
אַז עפּעס דאָ איז דײַנס, —
און האָסט דאָ גאָרנישט צו פֿאַרלירן.
אָבער סיריאַ, דײַן ברודער,
ער, מיט אַלע זײַניקע,
האָט אַמעריקע — מיט אַלע אירע מיינס
פֿון קוילן, שטאָל און אויל
און גאָלדענער רודע,
וואָס זײַנען נאָך דערוויל אין הענט פֿון דײַנע פֿײַניקער.

— אמעריקע האָט ער? יאָ, יאָ, —
אמעריקאַנער טורמעס, עלים איילאַנד, קייטן.

— עמעס. ווייל באַנדיטן האָבן איצט די מאַכט,
דיין עמפּייר און קרייסלער,
דיין בלוט און ברויט אין קלייטן,
וואָס דיינע הענט האָבן געבויט.
אָבער אונדזערס איז אַמעריקע,
מיר, די „פּרעמדע", האָבן איר דערהויבן.
און אַז דו וועסט זיין מיט אונדז, ווי סיריאָ,
וועלן מיר די רויבער־מאַכט צעשטויבן,
וואָס האָט סיריאָן דעפּאָרטירט
און דיך, און דיינס גלייכן — פּאַרווירט.

קום, ברודער טאָני,
לאָמיר גיין אינאיינעם
פון דעפּאָרטיר־שיפן אַראָפּרייסן די פאָנען. —
וועט אונדזער מאַרך אין הונגער דעמאָלט קלאָרן,
און מיר'ן אויסלייזן אונדזערע ברידער,
אונדזער אַרבעט,
אונדזער לאַנד אַמעריקע — אַלע לענדער —
און אונדזערע יאָרן.

גידאָ סיריאָ

העלאָ, העלאָ, גרייטער ברודער סיריאָ!
ווי העל, ווי גרייט עס ברענט דיין הויט
פון דעם געדאַנק צו שטאַרבן
אַף די באַריקאַדן!

אין אַ העלן זאַל,
אין אַ פינצטער ווינקל פון מאַנהעטן,
טרעטן דיינע הייסע, שווערע פיס
די טריט פון רעוואָלוציע אַף דער פּלאַטפאָרמע.
ס'איז רייף און וואַך דיין מאַרך,

נאָר הארט און רוי פון דיין געדאנק די פאָרמע.
די ענגלישע ווערטער אין דיין מויל
זיינען ווי די שטיינדלעך
אינם מויל פון אַלטן גריך, דעם שטאמלדיקן דעמאָסטען,
וואָס האָט מיט יאם־שטיינדלעך אין מויל גערעדט
צו היילן זיך פון שטאמלען,
און קאָנען ריידן קלאָרע רייד צו אונטערדריקטע ברידער.

ווער דאַרף פאַרשטיין
דיינע האָמעטנע ווערטער ?
אַז פון דיין טראָט און פון דיין ריר
צינדן זיך אַלע אַף זייערע ערטער !
דו רעדסט פון אַמעריקעס „ליבע” צו „פרעמדע” ?
דו רעדסט פון אַמעריקעס בויער — אָן היים,
אָן ברויט און אָן העמדער ?
דו רעדסט פון די ראָצכישע לענדער, וואָס וואַרטן אַף די,
וואָס אַמעריקע שיקט זיי צוריק — מיט העלדזער פאַרגרייטע —
גלייך אין די שטריק ?
דו רעדסט פון דיין היימלאַנד — דאָס לאַנד פון פאַשיזם ?
רעדסט פון אַ זיכערן טויט
אַף יענער זייט שיף ? רעדסט פון אַמעריקעס יוישער
און פינצטערע טפיסעס ? — שווער צו דערגיין
פון די רייד !
נאָר דיין האַס צו די ראָצכים, די גרייטקייט,
וואָס שפּאַנט פון דיין לייב,
שטאַמט פון אַזאַ טיף ! — דיינע רייד
זיינען אָנגעגליטע שטיינער,
וואָס שלאָגן־אָן אין יעדער הארץ, אין יעדן מארך
און קלאַפּן זיך אריין אין אַלע פולסן
פון אונדז אַלע
מיט דעם גליענדיקן אימפּעט פון דיינע אייוורים : „ווי איר הערט,
כאַווײרים,
קאָן קיין ענגליש ניט
און קאָן ניט ריידן,
קאָן אָבער שטאַרבן ! שטאַרבן פאַר אייך,
פאַר דער רעוואָלוציע !”

אַלפרעד ליווי

שוואַרץ איז דיין הויט, שוואַרץ ווי
די האַרלעמער נויט.
ליכטיק איז
יעדער פענצטער
וואָס דו האָסט ביז די פופציקער גאַרנס
פאַר די ווייסע, די פריצישע קוילער געבויט;
ליכטיק איז
דיין אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי האָט דיר פאַרטרויט!
ליכטיק, ברודער ליווי,
איז דיין טויט!

האַרלעם, האַרלעם,
געגנט פון הוילע, שוואַרצע לעבנס,
הוילע בעטן, הוילע טישן,
האַרלעם! וואָס בוזעמסטו באַ זיך
דעם גאַרוויאַיזם?

ווייסע הולטאַיעם קומען הוליען
אין דיינע קאַבאַרעטן,
קומען קויפן פאַר אַ דאָלאַר זינגענדיקן ווייטיק
פון דיין נאַקעט לעבן
און אַרויסנאַרן דיינע וואַקסנדיקע טעכטער
פון די קינדער־בעטן!

האַרלעם, ניט יעזוס, ניט לינקאָלן! ליווי דיין זון
האָט דאָס דערלייזנדיקע וואָרט! דאָס וואָרט פון לענינס עמעס.
צעזעץ דיין קאָפּ, האַרלעם, און באַנעם עס!
שוואַרצע פריצים לוינט זיך צו זיין דיינע „וועכטער",
ווי ווייסע האַרן איז ליב דער שוואַרצער שיין
פון דיינע טעכטער! האַרלעם!
אַלפרעד ליווי איז דער גערעכטער!
מיר דאַרפן די מערדער ניט זוכן: זיי זויפן
פון דיין האַנט דעם ווײַן,

זיי פרעסן פון דיין האַנט די קוכנס!
זיי קושן אוים די טראָפּישע זוניקייט פון דיינע טעכטער
און פלוכן
טאַטע־מאַמען
און דעם גאַנצן שטאַם.

האַרלעם, דערזע, צעצינד זיך
אין אַ פלאַם
און פאַרלענד די גרעניצן פון דיין געטאָ,
אינאיינעם מיט
דיינע פאַלשע רעטער — די מערדער
פון דיין זון!

ברודער ליווי,
ליכטיק איז די אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי פאַרטרויט!
ליכטיק איז
דיין טויט!

„דזשאָרדזש וואַשינגטאָן"

(האַרלעם בילד)

אַ צעדרומזשקעטער קלאַוויר, —
ווען ס'צעשפּילט זיך אין אַ שטוב מיט דאַלעס און מיט הונגער,
איז אַ לויזע, צעפּאָרענע אייזערנע בעט:
טוסט מיטן האַנט אַ צעפּיר —
קרעכצט אַ וואָיענדיק קעציש געבעט.

האַרלעם איז אַ הייל
פון ניו יאָרקער דאַלעס;
אַ ברייטער, געראָטענער גאָרטן פון פאָלקישן הונגער און צאַר, —
וואָס ווערט ניט דערציילט
אין קיין נאַציאָנאַלע קאַלעוואַלעס.

יולי יאַנגט

די זומערדיקע זון

אַף וועלדער, טייכן, סקווערן, מויערן.
הארלעם פיבערט אין אַ ברודנעם פּלאָג, —
יעדער היים — אַ פינצטערע טון,
און אויסגעטריקנטע מיקווע — אַ טוכלע־זויערע.

סיי אין יולי־היץ,
סיי אין דעצעמבער־פראָסט
זיינען סטעליעס דאָ פארשוויצט,
גומענס גאַריק, ביטער און פאַרגלאָזט,
צינגער טריקענען און ווארפן זיך ווי לעבעדיקע שלייענס
אַף ברעג טייך איבערגעלאָזט.
ווייסע דאָלערס פון ניו יאָרקער עטיק און עסטעטיק האָבן דאָ פאַרגרעבט
דעם נעגערשן נאַטירלעכן הומאָר און וויץ.
דאָס לעבן בויגט זיך דאָ
ווי דער רוקן פונם אַלטן אָנקל טאָם —
ווי די טשעין־גענג רוקנס —
גרייט פאַר שמיץ.
אָלטע אָרעמס הענגען הילפלאָזע,
ווי אָפּגענוצטע שלאַפּנטרייבערס ביימשן, —
אָרעמס אויפגעפרעסענע פון יאָרן קייטן־ראָסט.

העלדזער זעען אַף זיך שטריק,
לייבער זעען צעפּאַסעוועטע שראַמען,
איז שוואַרצע אונטערגעטלעך לייכט צו לאַיגן וועגן גלאָריע פון קיניגלעכער קרוין —
אין אפריקע צוריק —
דער—ליי—זונג
דורך ענגלאַנד און דעם יויזל
און זיין הייליקער מאַמען.

הארלעמס ווייטיק וואַלגערט זיך
אַף גאַסן, אין היימען — טונעליקע גריבער.
דאָס לעבן אַליין פאַלמעסט זיך
דורך טפילעס פון היסטערישן פיבער.

אין קלויסטערל — א פינצטער לײדיק קרעמל —
מאַכט א פײנעם לעבן זיך דער שװאַרצער, פעטער גאָט.
פון יעדן קנעכט און נאָכפאָלגער
װערט דאָ א פאַרגלאָצטער, טאַנצנדיקער קעמל,
פון יעדער לינטשערײ — א גאָט־לויב קאַראַהאָד.

אין א טיר פון א „רויכערדיקן קאַסטן"
האָב איך אָנגעקלאַפּט, און אַרײַן.
„גאָטס געזאַלבטע" הויז פון אײביק פאַסטן
זעט דאָס אויס צו זײַן.

דאָ װאוינט דער אַלטער װאַשינגטאָן
מיט זײַן לעבן אויסגעקרענקטע טרוימען
פון מאַיעסטעטישן שפּאַציר איבערן זיבעטן הימל,
שמועסן מיט די מאַלאָכים אין גוטברודערישן טאָן
און עסן װאַרעמען, געפּוטערטן פלאָדן פון פלוימען.

אינמיטן טאָג
זײַנען די װענט מיט נאַכט פאַרהאַנגען.
דעם אַלטן װאַשינגטאָן, װי זײַן בעטל, טישל, שטולכל און
אַלטמאָדישע פּיאַנע
דאַרף דאָס לעבן בלויז דעם לעצטן זעץ דערלאַנגען,
װעט ברענענדיקער יאָך צעשיטן זײַנע בלוטנדיקע טענער
איבער דער װעלט פון דאַנען.
דער אַלטער װאַשינגטאָן צעכריפּעט זיך, אײנאײנעם מיט זײַן בעט,
הערסטו די מוזיק פון זײַן אַלטפרענקישן קלאַװיר.
װי טאַבאַק־בלעטער טרוקענע
צעפּאַלט דעם אַלטנס הויט, װי זײַן קלאַװירס װעניר.
אין מאַנהעטן איז
שטאַרקער, טאָגיקער זשום.
נאָר אַלטער װאַשינגטאָן, זײַן קלאַװיר און קאַץ —
טרוקן און שטום.
דזשאַז־קאַפּעליעס אײניקלעך אין קאַבאַרעטן
האָבן װײַסע דאַמען־בוזעמס פאַר װײַסע לינטשערס אויפגעפּראַלט.
דאָ איז
באַװעגלאָז און קאַלט.

ווי אַלט איז וואַשינגטאָן?
ווי אַלט — דער קלאַוויר?
ווי אַלט — דער ברויגעזער קאָטער,
וואָס זיצט אַף איר?
ווי אַלט ביזטו, קנעכטישער,
געטלעכער נאַר?
ווי אַלט איז דיין שטוב מיט צאַר?
וואו זיינען די זין,
די זין וואו זיינען?
עפּשער לינטשט מען זיי גאָר איצט
אין דזשאָרדזשיע, אַלאַבאַמע, קאַראָליינע!
גאָטס לויב־שטעלכל האָט דיך פאַרשוועכט.
די זין, די זין וואו זיינען?
וואַשינגטאָן — ד י י ן ס ק אַ ט ס ב אָ ר אָ ב ר ע נ ט!

ס'האָט די קאַץ זיך צעיאָגט איבערן קלאַוויר,
האָט אַ פּולע שטוב שוואַרצע שטומקייט, פּוסטקייט און צאַר
זיך צעוויגט איבער מיר.

אין צעיאָמערטן צאַר פון פּוסטן קאַסטן,
וואָס ס'האָט די קאַץ מעשונעדיק צעשפּילט אַפן צעדרומזשקעטן
קלאַוויר,

האָב איך געהערט דעם לעצטן קרעכץ
פון אַלטן וואַשינגטאָנס לאַנגן פאַסטן,
און דעם הונגער־געוויין פון דער וועלט דאָ באַם טיר.
כ'האָב אָבער אויך געהערט
ווי בוירמינגהעם, סקאַטסבאָראָ און טוסקאַלוזע
ברעכן זייערע שוואַרצע, קנעכטישע לאַסטן, —
געהערט — ווי וואַשינגטאָנס זין
קומען נעענטער צו מיר.

„בלעק יענק"

(האַרלעם־בילד)

פּוסט.
הוילער דיל.
הוילער טיש.
אַ קאַץ.
אַ כריפּלער הוסט.
אַלטער כוילע. אַלטער זייגער —
און די זון.

וואָס טוט די זון
אַף אַ טרוקענער ברוסט?
וואָס טוט די זון
אין אַ הויז, וואָס איז פּוסט?

אַן איינציקער צימער.
אַן איינציקער מענטש.
איין פענצטער — אַליין:
וועט די זון דאָ לאַנג ניט שטיין.
דאָס האַרץ וועט לאַנג ניט קלאַפּן.
דער זייגער — לאַנג ניט גיין.
ניט געלעבט, נאָר אָ פּ ג ע ל ע ב ט —אַ לעבן וועט פאַרגיין.

דאָ איז אומעטיק דעם טויט,
קוקט ער דורך אַ שטיקל שערבל־שפּיגל אַפן כוילע קרום.
אַ גראָבער, גראָער זאַק — דער דאַלעס, און די זון
ראַמט דאָס לעבעדיקע טויטנבילד אַרום.

די קאַץ לאַשטשעט זיך צום בעט.
דער זייגער זשיפּעט, ווי דער כוילע רעדט:
„צו שפּעט, קעצעלע, צו שפּעט".

יענק איז אַ צעפּלאַקערטער שטיק פיבער
פון דער וועלט דער קראַנקער:
יענק וואַרפט אין יאַם פון לעצטער שיף דעם לעצטן אַנקער.

אין אַ רעגע שטאַרבט אַ מענטש, נאָר אין דער רעגע
לעבט ער איבער
פון לעבן יעדן פראָסט און פינקל:
אין דער רעגע נעמט דער מענטש אַריין זיין גאַנצע וועלט
אין אַן אויג־ווינקל:

דער צימער איז אַ פישער־שיף,
יענקס אָרעמס — פיר פּאָר וועסלעס.
דער צימער איז אַ פּאַנצער־שיף,
יענק — פאַרפּלאָמט — צעהייצט די קעסלען:

ס'איז די „מעין", אין אכטונייינציק*), —
אַפן וועג קיין קיובע:
ער זעט אַ יאַם מאַטראָסן,
ווי צעווילדעוועטע וואָלפיש, — שפּרינגען איבער כוואַליעס;
ער הערט דעם גרויליקן געפאַר־רוף פון דער טרובע.

דער צימער איז אַ פעלזן־פעלד:
די טשעין־גענג שפּאַלט פעלזן מיט פינקלדיקע לאָמען און פינצטערן געמיט.
יעדער שטיין מיט שקלאַפנטרייבערס אויגן בליצט.
דער וויסער טרייבער וויצלט זיך און קוועלט.
די הימלען און די בייטשן פייערן מיט היץ.
זייגער גלאָצט מיט טרייבערס פּאָנים — צײלט די שמיץ.

דער צימער איז האַרלעמער מאַרק,
וואו מען פּאַקט זיין לעצטן זון, דעם וועטעראַן,
ניט פאַר געניווע, ניט פאַרביינדל־שפּיל־אַזאַרט:
פאַר הערן רייד אונטער רויטער פאָן.

דער צימער איז אַ שאַכטע אין אַן אויפּרייס:
געדיכטע, גייענדיקע, גראָע, גרינע גאַזן שטיקן און דערשטיקן;
יענק רייסט זיך צום פאַרשאָטענעם שאַכט־מויל: צו דער וועלט
אַ וואָרט פון אומגליק איבערשיקן.

*) די אַמעריקאַנער פּאַנצער־שיף „מעין", געזונקען אַפן וועג קיין קיובע, באַם אנהויב מילכאָמע מיט שפּאַניע, אין יאָר 1898.

דער צימער איז
אַ דאָרעמדיקער דאָרנוואַלד,
און אַלע דערנער ברענען.
יענק יאָגט איבערן וואַלד דורך נאַכט:
די וועלט געלינטשטע ברידער צו דערקענען.

דער וואַלד ברענט נענטער, נענטער.
יענק צופּט זיין הויט ווי אַ ברוינע אַרבעט־העמד.
יענק רייסט זיך פון זיין ברענענדיקער בעט:
„מאָזעס! טייוול! — ווער'ט מיין מעכטיק לעבן
אין פלאַמענדיקע וועלדער איינגעקלעמט?"

דער וואַלד ברענט הויך.
דער זייגער שלאָגט — אַן איינגעוויקלטער אין רויך.

עס ציטערט־אויף
דעם אַלטנס ליפּ און ברעם:
„הונט פאַרשאָלטענער: נאַ, נעם!"

יענקס אָטעם
גיט ניט
מער
קיין ווערטער.
די קאַץ שלאָפט באַם פוס פון בעטל.
די זון גאַנוועט זיך פון לעצטן ווינקל-שויב —
זוכן ליכטיקערע ערטער.

האַרלעם

האַרלעם — האַרץ
פון אורבאַנישן וואונדער
ניו יאָרק:
זומפּיק ליגסטו — אָפּגעזונדערט,
טאָליק.
דיין געוויין איז טויזנטקאָליק, —
ווי נאָך אַ פאַבריק־סריפּע אין שטאָטישן מאָרג.

האַרלעם — האַרץ
פון מעטראָפּאָל, — פון איר געסאַמט;
הונגער־אינדזל אין סומנעם האַרבסט
אינמיטן גאָלדענעם יאַם.

האַרלעם — האַרץ
פון דער ברוטאַלער שטאָט:
קראַנק און הונגעריק — און וואַרטסט,
און זינגסט און טאַנצסט צו גאָט.

„גאָט" האָט הימלען און האָט היילן,
„גאָט" האָט דירעס, קוילן, ברויט און ביר;
דיין הויט לאָזט ער פון גויט זיך שיילן
און דו טאַנצסט — ביז דו קראַפּירסט.

דערמאָן זיך די בעלגישע קאָנגאָ
און דעם ברוט לעאָפּאָלד:
מען הענגט ניט די פּופּצן מיליאָן דאָ,
ווייל „ציוויליזאַציע" שטייט דאָס ניט אָן.

ס'ברענט נאָך, בורעט דער דזשאָנגל, —
פון דיר ביז די הייסע פּלאַנטאַציעס, —
ס'הוליעט ניו יאָרקישע קאָנגאָ,
און מאַכט דיינע טענצער אָוואַציעס.

האַרלעם, הער:
דיין סקאַטסבאָראָ ברענט איבערן לאַנד די־ברייט,
און דו שפּילסט־צו דעם לינטש־קלאַן אַף אַ פליט.
האַרלעם, הער:
דיין אייגענעם געוויין אין דיין פליט און קאָל דערהער.
נאָר ניט דיין ספּיריטשועל, ניט דיין טרער, —
דיין מאַכט, דיין מוסקול ברענג אַהער:
לעגענדעס איבער וועלט קורסירן
אַז מיט הוילע הענט פלעגסטו אין וועלדער קאַמפן פירן
מיט לעמפּערטן און לייבן:
ווי לאָזטו איצטער הינט
זיך איבער דיר דערהייבן?

האַרלעם — האַרץ
פון דזשאָרדזשיע און אַלאַבאַמע:
ווי ווערסטו, — אין דיין בלוט פון שמיץ, — פאַרנאַרט
פאַר אַ מאָדעל פון ווייסן רויב־רעקלאַמע?

האַרלעם — האַרץ
פון שוואַרצסטער אַרבעט.
מיט דיין געדולד האָסט זיך דערוואַרט
צו שפּאָרן זיך אַ בעט באַם שטאַרבן:
אַף יעדן טראָט
טרעטסטו אַף אַ שטריק,
און די „שאַפער” פון דיין „גאָט”
היטן הייסע קעסלען פּעך אונטער האַרלעמער בריק.

האַרלעם, הער
די ראַיאָטן
אונטער דיין טיר.
הער, האַרלעם, הער:
גלויב אונדזער וואָרט,
ווען מיר קומען צו דיר.

שטיי־אויף, מיין ברודער, —
מיין צאַרפּולער בער.
שטיי־אויף, און טו מיט זיך
איבער האַרלעם אַ קער, —
וועט די ברידער איבערן לאַנד
אויך שוין ניט זיין אַזוי שווער.
שטיי־אויף.

די הויז־ברעכער

(צום סטרייק פון די הויז־ברעכער)

אונדזערע הענט זיינען לאָמען,
אונדזערע פיס זיינען רידלען,
אַלטע מויערן זיינען פאַר אונדז צעטריקנטע סטראַשידלעס —
סימבאָלן פון לעצטער צעפאַלונג
פון טרוקענעם, שטויביקן אומקום פון כורוועס.
ציגל און באַלקנס באַבאַרגן דעם באָדן, די דילן,
ווי פון ווינטן צעטראָגענע פליגלען פון מילן פליען טירן,
פענצטער און דעכער
פון אונדזערע לאָמען — די הענט פון
די ברעכער.
נאָך אונדזער צעציגלען און צעשטויבן,
קומען די ברידער וואָס בויען און די בויאַנעס וואָס רויבן.
שטייגן ברידער, שטייגן בויער — שטייגן ווענט.
פון שטייגנדיקע ווענט פאַלן בויענדיקע ברידער,
פאַלן פולע קויבן גאָלדשטיקער —
אין קעשענעס און קאַסטנס פון דירע־פּאַראַזיטן.
היי! — איצטער ברעכן ניט
אונדזערע רידלען און לאָמען:
וועלן אונדזערע ברידער ניט קומען אייך בויען
מויערן און קראָמען.
צעברעכן מיר כורוועס — שטייגן־אויף ווענט.
דורך אונדז האָט כאָרעוער באָדן אויפקום דערקענט.
מיר צעברעטערן, צעטראָגן;
לעבן אין קעלערס, און איר — אַף הויכע, ליכטיקע ראָגן
וואָס מען בויט פאַר אייך און בויט, — פאַר אונדזער ברויט, —
פאַר ציגלדיקן טויט.
נאָר אונדזערע פיס זיינען רידלען,
אונדזערע הענט זיינען לאָמען:
— וועלן מיר אייער לעבן אין די שפּיגל־זאַלן צעפידלען! —
הויזברעכער
איז אונדזער נאָמען.

ניקלדיקער ברוט

(דעם אנדענק פון היימאן שינדלער, וועמען סאבוויי־
גארדס האבן דערשלאגן צום טויט צוליב א ניקל)

זון מיינער,
נאָ דיר אַ ניקל.
נאָר איידער דו גייסט, נעם און פּאַרוויקל
דיין פּיאָנערישן האלדז מיט אַ פּאַס דיקן צין.
ווייל איבער יעדער ניקל־מאַשין
הענגען אויסגעשליפטע שטריק.
און טרעפט זיך וואָס מיט דער מאַשין, גלויבן ניט די רויבער
דיינע רייד, —
זיי האָבן גרייט אַ פּאַרטיקן רובריק,
וואָס פּאָליציי און שטאָט און ריכטער נעמען אָן פאַר גוט.
ניט העלפן וועט
דיין בליק דער ליכטיקער,
ניט העלפן — אונטערטעניקייט, און זיכער ניט — דיין מוט.
די מאַכט פון כוצפּעדיקן, ניקלדיקן ברוט
איז גילטיק, שאַרף און אַבסאָלוט.
דו וואוינסט אין לאַנד פון איינאונאיינציקן געבאָט, —
(די בלישטשנדיקע, פּראַקטישע טעאָריע):
„אַ מיליאָן
הויבט זיך פון אַ פּעני אָן!״ —
(ניט קיין מייסע, זון מיינער ניט קיין אַלעגאָריע)
איז דיין לעבן — פאַר אַ ניקל — פינף מאָל יעדע ווייל אין קאָן.
יאָ, ניט קיין מייסע, זון מיינער, ניט קיין אַלעגאָריע:
אַזוי און אַזוי איז געשען אין מערץ
ניינצנהונדערטניינאונצוואַנציק, מיטן אַרבעטלאָזן אַפּרייטער:
בײַ יעדער פּעני און ניקל מאַשין איבערן שטאָט
שטייט דער טויט אַ גרייטער.

סאָבוויי

שאָט. שאָט.
באַ יעדן אַריינגאַנג — פּערציקטויזנטיקער טראָט.
עס פאָרט די שטאָט.
שטעט און שטעטלעך פאָרן דורך דער שטאָט.
פון אַלע שטעט און שטאַטן — אין איין שאָט.

וויביימער אין אַ שטורעם
מענטשן פּלאָנטערן זיך גייענדיק:
ניט געגאַנגען — נאָר געפלויגן, ניט געאָטעמט — נאָר געיאָגט.
טראָטוארן שטייען ניט,
טראָטוארן טראָגן, טראָגן, טראָגן, —
ווי ס'זאָל די ערד אַליין דאָ
די טראָטוארן און פּלאַטפאָרמעס ווי קאָנווייערס יאָגן:
געדיכטער, רוישנדיקער וואַלד אין ראַשיק־יאָגנדיקן פילם.
קיינער לאָזט דעם אימפּעט דאָ ניט שטילן.
אַלע, אַלע האָבן ווער וויים וואָס פאַר צילן.

ווער פאָרט דאָ, ווער?
צי פאָרט דאָ, פאָרט דאָ דער —
וואָס פאָרט אַף זיכער צו געווינען?
זעלטן. זעלטן. ניין־ניין־ניין!
דאָ פאָרן נאָר די פיר מאָל פערציק פערציק־טויזנט,
וואָס ווען צוליב איינעם אים, צו איינעם אים — פאַרשפּילן.
קאָנען קאָן מען יאָ
זיינע אַרלעריי פאַרמיטלער דאָ געפינען.

רעדער־קלאַפּ
און ניקל־כאַפּ.
כאַפּ און כאַפּ און כאַפּ:
דרעי־מאַשינקעס, דרעי־מאַשינקעס
קלאַפּן־קלאַפּן־קלאַפּן:
שפּיגל־ווענטלעך, שפּיגל־ווענטלעך
כאַפּן־כאַפּן־כאַפּן:

פאַר וועכטער־אויג צעשפּיגלען יעדן איינגעשלינגטן ניקל:
באַטאַפּ, באַקוק דיין פאַר־געלט אין פאַראויס,
אויב ניט — איז דיר דיין לעבן דאָ פאַרזיגלט.

אַ באַן אַהער, אַ באַן אַהין,
יעדער, דאַכט זיך, וויים וואוהין;
נאָר וואו איז, וואו — פון אַלע יאָרן פאָרן דאָ דער זין? —
טרייבסט דאָס לעבן דורך טונעלן,
און דאָס לעבן — געל און גרין.
פאָרן־פאָרן־פאָרן, נאָר געפאָרן:
ד י ע ר ד פ ו ן ש ט אָ ט ש ט י י ט אַ ף מ אָ ט אָ ר ן.

אַראָפּ.
אַראָפּ.
אַראָפּ.
אַלע טראָגן פּעק מיט קייכעס:
ווער אין אַקסלען, ווער אין קאָפּ:
עפּעס, עפּעס, עפּעס צו דערגרייכן.
אַראָפּ.
אַראָפּ.
אַראָפּ.
אַראָפּ.
מענטשן. מענטשן. מענטשן. מענטשן. מענטש!
מיט אַלעם גוטן איז די שטאָט געבענטשט, נאָר ניט פאַר אונדזער מענטש:

איז געלאָפן, נאָר געלאָפן, —
אויגן רויט און מיילער אָפן, —
נאַכט לויפט־נאָך און מאָנט: „ד ע ר ש לאָ פ ן! ניט ד ע ר ש לאָ פ ן!”
ס'ברענען פיס, עס קראַצן גומענס:
אויסגעהויכט דעם אָטעם — ביז צום סאַבוויי צוגעקומען.
— „העי! העי! העי!
פּעני טשונגאַם! פּעני טשיקלעטס!”
— „העי! העי! העי!
דזשילעטעלעך און שירעמס!”
— „דזשווירנעל, ניוס און גרעפּיק!” —

(בלאָטע, בלוט און ביבל — און פּאַשיזם!)
— „שיידימלעך, טייוואָלימלעך,
וואָס טאַנצן אַף אַ שטריקל!" („קויפּט אַ שטיקל! „קייט אַ שטיקל!")

ווער פ ו ן דערהיים, ווער צ ו דערהיים:
אַ טאָג פּאַקט אָן אַ פולן י אָ ר מיט פּיין אַ קלומעק.
— אָן עפּל קויף! אַ פּרעצל קויף!
— אַ היימיש־זויער אוגערקע — אָפּכאַפּן דאָס האַרץ!"
— „אַ דאַים אַ טוצן פרישע רויזן" — „וואַרט נאָר, וואַרט:
קויפן פאַרן צימער אַ פּאָר בלומען".
— — — — — — — — — — — — —

העי־העי: האַלט־אָן, האַלט־אָן
דעם טעמפּאָ פון געלאַף!
האַלט־אָן, האַלט־אָן: אָט־אָט —
וועט גרויזאַם־גייענדיקע שטאָט
אַף ד י ר אַרויף.

מענטשן צעטראָגענע,
געמיטער צעשלאָגענע,
געפּענטעט אין איילעניש,
פּאַלן אין יאָגעניש;
פרויען פאַרמאַטערטע,
לעבנס צעפּאַטערטע, —
מ אַ ס ק ע ס פ אַ ר פּ ו ד ע ר ט ע, —
אַלע, אַלע — צ ע ר ו ד ע ר ט ע.

אַראָפּ.
אַראָפּ.
אַראָפּ.

וויגט די מאַסע זיך אַף טרעפּ,
און דאָס לעבן שלעפּט און שלעפּט.
זון און לופט און הימל
הערט ניט אויף צו ציען.
ע ר אָ פּ ל אַ נ ע ן פ ל י ע ן:

פ י נ ק ל ע ן א ו י ג ן, א ו י ג ן ג ל י ע ן, —
לויפנדיק אראָפּ: אין איילעניש אַן אויג אַרויף, אַרויף —
דורכגעפלויגן, דורכגעזוונגען:
די פינקלדיקע אויגן איינגעשלונגען
פון די טויבע, טונקעלע טונעלן, — א י ן ג ע י ע ג פ ו ן
ט ע ג א ו ן ט ר ו י מ ע ן
פ אַ ר ן ל ע ב ן א י י נ צ ו ש ט ע ל ן.

אַראָפּ.
אַראָפּ.
אַראָפּ.
— עי. האַלט די טיר צו, לאָז ניט אָפּ.
— האָרי — האָרי — האָרי אָפּ.
— גיכער — דער עקספּרעס!
— נישקאָשע, ניין: אַ שוואַכער קלאַפּ.
אַבי געכאַפּט. אַבי געכאַפּט.
(איינגעשטיקט און איינגעפּרעסט):
— אַך! — ס'איז גאָר ניט מיין עקספּרעס.

סאָב און סאָב און סאָבוויי, —
צעצונדענע ענערגיע פון ברוקלין,
בראָנקס און פּעלעם בעי.

בראָנקס
פּאַרט באַלעבאַטיש. האַרלעם —
הויל און באַרוועס.
לאָנג איילענד — האַלב־אַריסטאָקראַטיש.
בראָנזוויל — אָרעם. די בויערי — אין לאַטעס.
נאָר פּאָרט מען, איז אַ סימען
אַז איבער דער פאַרצווייפלונג פלאַטערט עפּעס, פלאַטערט
אין יעדן וויסטן קאַרבן:
יאָגן־מיט און פּאָרן־מיט, —
ד ו ר ך ב אַ ן ־ ג ע ד ר ע נ ג — אַ ל י ד א ו ן ט ר ע ר ן ־
ש נ י ט, —
די בעטלער מיט די טאָרבעס.

וואַגאָן צו וואַגאָן, וואַגאָן נאָך וואַגאָן,
פּאַק־אָן און קלינג־אָן,
פּאַרמאַך און יאָג־אָן
דעם טייוולשן אימפּעט, וואָס שטראָמט דורך די רעלסן
און שלעפּט פולע באַנען צו צילן געפעלשטע:
באַנען וואָס פירן צום לײדיקן צוזאָג, צום ליגן
פון געלער, באַנדיטישער, גאָלדענער פאָן.

פּערצענטויזנט באַנען — שטרעקעס שטאָלענע געשפּאַנען:
לאַנגע שלאַנגען — פעט און פול,
מיט ראָסטיק־גרינע שופּן:
געלאַף — געלאַף —
ווי טויזנט שײדים זאָלן שטופּן:
שנעלער — שנעלער:
צו אויסזיכטן טײוולאָנישע, הייסינקע און העלע:
העל איז גאָלד, און הײם איז בלוט.
איז יאָג און יאָג און ווער צעמאַלט
אין יאָג נאָך ברויט דורך אונטערערדישן מאַרשרוט.

טויב און טונקל,
טויב און טונקל:
שווייגן די טונעלן.
ווערט אַ לעבן דאָ צעריבן — איז טייקעף קונקל־מונקל:
ניטאָ קיין צייט, ניטאָ קיין צייט
די באַן אַ רעגע אָפּצושטעלן.
מינוטן, רעגעס — ווי די בליצנדיקע לעמפּלעך —
אין שטענדיקן געשלעג: מאַכט פרײ דעם וועג,
מאַכט פרײ דעם וועג.
אויסזיכט — זיכער.
אויסזיכט — ווינט.
— „היינט מוז איך „פאַרגלעטן" די כעזשבוינעס אין די ביכער!"
— „אַ פולער יאָר שוין אַז אַ פּעני ניט פאַרדינט!"
אַלצײנס געלאַף, אַלצײנס געיעג
צו צווײ עקסטרעמע שוועלן:
שוועל פון גאָלד און שוועל פון דאַלעס.
— „האַ? שאַ! — ווער האָט דאָ געכאַלעשט?"
ניטאָ, ניטאָ קיין צייט זיך אָפּצושטעלן.

טירן, טירן, דיל און דאַך.
וויפיל טויזנט איז אַסאַך?
ניטאָ קיין דאַך, ניטאָ קיין דיל:
ס'האָבן כוואַליעס זיך צעשפּילט,
שווימט אַן איבלדיקער יאַם־געפיל.

ווענט?
ניטאָ קיין ווענט: שטיקער שויבן־שויבן־שויבן.
קעפּ. קעפּ: קויבן איבער קויבן,
און אויפגעשטערקטע, אומרואיקע הענט:
אַ מענגע אין אַן ענגן אויסגאַנג פון אַן איינגעשפּאַרטן פייער:
אַ געבעט, אַ ריטואַל פון הענט און אויגן
צו די גאָלד־קעלבער פון פאַרביקע אַנאָנסן:
ווי ס'וואָלטן טרוימען זיך דאָ אויסגעלעבט
אויף די ליגנעריש־צעמאַליעוועטע שאַנסן.
אויגן. אויגן אויגן. — פאַרשלאָפענע, צעטומלטע און גייציקע.
אויסזיכטן צעפינקלט,
אויסזיכטן פאַרפלויגן, —
ווי אין געיעג די רויט און גרינע לעמפּלעך
מיטן פאַרצאַמטן, גאַז־געסאַמטן ווינט דורך די טונעלן.

אַט פ י ב ע ר ט פרייד,
אַט פ ר י ר ט עס —
אין קעפּ און הערצער — שווערע, פולע קאַסטנס —
פיין און צאָרן:
פאַרן, פאַרן, פאַרן, נאַר געפאָרן;
פאַרן, פאַרן, פאַרן, — ניט דערפאָרן:
ניט צו איינגערעדטער פרייד פון גאָלד־גרוב,
ניט צו פרייד פון קליינער קראָם און קליינער שעוראָלעי,
ניט צום מאַזלדיקן נומער פון דער גרויסער לאָטערעי,
ניט צו פרייד פון אַרבעט,
ניט צו פרייד פון זיכער ברויט,
ניט צו אויפריכטיקן פאָרן;
פאַרן, פאַרן, פאַרן, — ש ל ע כ ט פאַרפאָרן!
פאַרן, — פאַרן, — פאַרן, — אַ וועלט פון טרוימערישע אַמאַטאָרן.

קלײנקרעמער, קלײנטרוימער.
שוואַרץ־טרוימער. שוואַרץ־צוימער.
אָוועראָלס און דערבים. אַרבעטער און סטערוועס.
פאַרשטויבטע איטאַליענער, און שטײף־פאַרפוצטע מענער.
לײמיקע אוקראַינער, פאַרסאַזשעטע פּאָליאַקן.
דרײסיקראָלערדיקע יונגעלײטלעך, וואָס ווילן דאַווקע שײנען
ווי די בורזשואַזיע — אין שטײפהעמדער און פראַקן.
(זײ פאַסט דאָ, עפשער, ניט צו פאָרן,
נאָר דער „פּעקאַרד" איז צו זײער טיר „דערוויײל" נאָך ניט דערפאָרן).
אידן — מיט אָנבליק פון גאַסן צעטומלטע. אידישע שנײדער —
מיט סטרײיקן און קאַמפן פאַרנומענע. נעגערס —
פאַרוואַפנעט, פאַרמעלט. אַלע,
אַלע פאַרדרויכערט,
אַלע פאַרגעלט.
בײַ וועמען אין קאָפּ ווײַב און קינדער,
בײַ וועמען — זײַן לאַנד און זײַן פאָלק,
בײַ וועמען די „מענטשהײט", די „וועלט",
בײַ וועמען דאָס אַלץ איז — ז ײ ן ק ל אַ ס.
בײַ וועמען „איל דוס" און בײַ וועמען וואַנזעטי,
בײַ וועמען לינקאָלן, בײַ וועמען סקאַטסבאָראָ, הוירנדאָן,
בײַ וועמען עס זשיפּעט אין האַרץ נאָך ראָמאַנאָוו,
בײַ וועמען אין מאַרך עס בראָדיעט נאָך קערענסקי.
בײַ וועמען דער פויגל דער בלאָער נאָך טאַנצט,
בײַ וועמען עס קריצן זיך ווערטער פון קאַמף — פון קלעפּערל דאָ
אױף דער וואַנט.
בײַ וועמען דער אינהאַלט פון פאַשיסטישע פאַמפלעטן,
בײַ וועמען דער גוירל פון כינעזישע סאָוועטן.
בײַ וועמען דאָס לענדל פון אידיש־פאַשיסטישן קלאַן,
בײַ וועמען סאָוועטישער בירא־בידזשאַן.
בײַ וועמען עס וואַקסן רויכיקע האַנקרײַז־פּלענער — דאָס אָרעמע
לעבן
נאָך מער צו פאַרקלעמען
און בײַ וועמען, וועמען און וועמען
עס זוניקט די לערע פון לענין.
אינמיטן וואַגאָן — אַ נעגער אױף קוליעס:
יעדערער זײַן ווינקל שפּאָרט: ניטאָ קײן אָרט. ניטאָ קײן אָרט.

יעדערנס „געוויסן״ — צו אַן אויסרייד צוגעטוליעט:
— „אַ נעגער איז אַלציינס וואָס אין דער קאַרט״. —
ניטאָ קיין אָרט. ניטאָ קיין אָרט:
שטייט אַ ברענענדיקער מענטש מיט ווייטיקן —
ווי ערשט פון פלאַמענדיקן בוים אַראָפּגעשניטן.
קעפּ — פול מיט שווערן פלייש — פּאַרקילטע טעפּ, און קעפּ און קעפּ
און קעפּ
מיט הונגער און צייכנס פון שטאַטישע קלעפּ.
קעפּ מיט ווייטיקן און העלקייט.
קעפּ וואָס יאָגן־נאָך די שנעלקייט מיט אָפענע מיילער.
קעפּ — מיט לידלעך
פון פּרימיטיווע יוקעליילעס.

אַ שיקערע כאָפּטע זינגט זיך אויס אין זידל און אין טרערן.
דעם באַן־לאַנגן געדרענג רייסט־דורך
געזאַנג פון גרופּעס פּיאָנערן.
עס בעטלט גאַיוועדיק „ספּענגלד בענער״.
עס בעטלט וויינענדיק „איילי־איילי״.
און איבער אַלע טענער:
— ... The only truth is in the Daily! ... —

קעפּ: קאַסטנס
פּרעזערווירטע פישן. קאַסטנס קעז.
קעפּ מיט קרעמלעך און באַנקראָטלעך.
קעפּ מיט דריידלעך. קעפּ מיט קניידלעך — אויב מען האָט נאָך.
קעפּ מיט שוידערלעכע קאָפּיעס
פון ד א ו ו ק ע ראַפאַעל און וועלאַסקעז.
קעפּ מיט קאָרטן, דזשין און דזשעז.
קעפּ מיט זייגערס, קעפּ מיט הערינג און מיט קרעלן.
קעפּ מיט בלופּרינטס און געשטעלן,
וואָס מ ו ז ן דאָס מאָל די עקספּערטן שוין געפעלן.
קעפּ — פּאַרסאַמטע פון גאָלדענעם אָר:
קעפּ פון אַ פּאַרפּירטן דאָר,
וואָס כאַלעמט ביזן שפּיץ פון הונדערטשטאָקיקער אורבאַניק,
און יאָגט אין סאָבוויי־רויש —
צו זיין דער קאָרבן פון אַ פּאַניק.

(מאָסקווער ערשטע סאָבוויי לויפט דערוויל
בלויז פערצן קילאָמעטער.
נאָר דאָרט, יאָ, דאָרט איז פ ר י י ד דער אימפּעט פון גענייל
און סאָבוויי, רעלס און באַן און לעבן
העכער, העכער ז י נ ג ע נ ד י ק דערקלעטערט).

פאָרן, פאָרן קעפּ מיט פּלענער —
דריט־קלאַסיקע גאָרילעס און פּארקויפּטע מיטלמענער —
פאַר רויב און בלוט און מאָרד.
(רואיק פאָרן
וועט מען דאָ ניט קענען,
ביז זאָגן וועלן מיר דאָס לעצטע וואָרט).

סאָפּעט, סאָפּעט, סאָפּעט סאָבוויי.
קלאַפּט און בראַזגעט, יאָגט און פירט.
ווער עס פיבערט, ווער עס פרירט.
סאָפּעט, סאָפּעט סאָבוויי —
אָנגעפּאַקט מיט צאַר און זאָרג און קאָפּ־ווייי.

מאָטאָרלייט
און קאָדוקטאָרן:
איר ווייסט, איר ווייסט ווי ווייט
מיר ווילן פאָרן?
פאָרט און פאָרט און פאָרט און פאָרט
ביז צום סקווער פון אונדזער וואָרט,
וואו מיר שפּאַנען־איין ד׳עם צאָרן —
ווי אין באַנען די מאָטאָרן —
צו באַרואיקן די מענטשן אין די פינצטערע טונעלן,
דאָס לעבן דאָס צעטרייסלטע
אויף די פיס צו שטעלן:
מירן פאָרן. ה א ס ט י ק פאָרן
און דערפאָרן, יאָ — ד ע ר פ אָ ר ן, מ אָ ט אָ ר ל י י ט:
ש פּ אַ נ ט א י י ן אַ ל ע מ אָ ט אָ ר ן.

די גאָלדענע באַנדע

ניו יאָרק פּאַראַמאָנט 2800 מיליאָנערן

טאָג פון רויטן טאַמעז,
מאָל מיר אַ מייסע פון זון און פון ליים.
ווארף־אָן אַף דיינע זון־ליילעכער אַ סעריע פּאַנאָראַמעס —
פון דער מיליאָן־לאָמפּנדיקער בראָדוויי
ביז מייק דעם מוליערס היים — מאָל.

ניו יאָרק — מאַגנאַט פון שטאָל. שטיפּהיים פון מאַסן,
וואָס ציען די ברייטע, סוויסטשענדיקע פּאַסן
פון דיין גרויס־אינדוסטריע;
מענטשן פון לאָם,
פון נאָדל, דלאָטע און אָל. טאָג פון רויטן טאַמעז: מאָל,
מאָל מיר אַ מייסע פון זון און פון ליים.

„פּאַראַמאַונט", „ראָקסי", — רייכע, רוימישע
סאַלאָניקע ראָגן.
ווער וועט אויסרייסן די מירמלנע קאָלאָנען און צעטראָגן
די ווארעמקייט פוןביידע טעמפּלען
אין די באָטקעס פון פּראָסטיקע קוילן־ראַיאָנען?
ווער וועט אָראָפּרייסן
די זילבערנע, עסטעטישע שאַבלאָנען
פון אונדזערע פּראָסט־ברוקירטע גאַסן,
וואָס די 2800 באַוויליקן צו ליכטיקן, צו לייטערן
מיט דעם פרומען, מאַנירלעכן אָנשטעל
פון זייערע זייד־און־זילבערנע לאָמפּאַסן. וועלט? — דאָס בין איך:
גע ני אַ לע מאַ סע!
איך בין ערד, וואָס איז ברויט,
לייב, וואָס איז אַלץ:
מיר זיינען די הילכיקע, פלאַמיקע לאָמען.
מיר זיינען די זאָמען, די זעג און
דאָס זאַלץ. די זעל
זיינען מיר
פון וועלטלעכן, ערדישן, שטורמישן וואַלץ.

בויגט דעם
צילינדער און
טיטל,
ציילעמט זיך איבער:
בראָדוויי צעשטראַלט
פון אייער געשיכטע דעם לעצטן קאַפּיטל:
פון דאָרטן — ביז דאַנען. פון דאַנען —
צ ו ר י ק.
געשיכטע איז אַן איינגעשמידטער פּאַראָוויק, וואָס לאָזט פון יעדער
האַנט זיך הייצן.
נאָר פּאַראָוויקעס וויסן ניט
ווער עס האָט די ווייגען און
די ווייצן, נאָר די הייצער, די הייצער
קאָנען שוין אַף אויסנווייניק
דעם לעצטן פּאַראַגראַף — „געשיכטע פון שניצער
פון פּעכיקע קרייצן".

אכטאונצוואַנציקהונדערט מיליאָנערן אין ניו יאָרק.
א מיליאָן ארבעטער אָן ברויט.
דרייאונזעכציק ארבעטער
טויט — טאָג־טעגלעך, אין שעפּער, אין מילן און גרובן.
עס לייכטן זוכנדיקע ליכט־רעפלעקטאָרס איבערן שטאָט.
עס טרובן די טאַטעס דורך ראַדיאָ אין גאָלדענע טרובעס
די בסורע פון גליק.
די טאַטעס, די פּימפּישע פּרינצן אין וואַרימע פוטערס און אָטאָס.
די מאַינערס —
נאַקעט, אין קאַלטע באַראַקן,
אָן ברויט און אָן רובעס.

אכטאונצוואַנציקהונדערט מיליאָנערן
שטויסן זיך מיט א מיליאָן הונגעריקע
אַף די טראָטואַרן, רייכע ראָגן און
סקווערן פון דער שטאָט ניו יאָרק.
אָ, דזשימי פון פּאַרק ראָו, פּאַפּוס
פון רוים און
לאָרד מעיאָר פון קאָרק:

דער טאָג פון רויטן טאַמעז
מאָלט מיר אַ מייסע פון זון און פון בלוט.
בראָדוויי איז
אייער לעצטער באַלויכטענער מאַרשרוט
צום סקווער פון שלעפערדיקע פינאַלן און ערלעכן אָנהויב;
צום אָפענעם סקווער, וואָס וועט צעשטראַלן
די בראָכע פון אַרבעט איבער דער ערד.

אַווטאָמאַט

ניקל־ניקל־ניקל־ניקל־ניק!
ניקל־ניקל־ניקל און אַ דריק!
פלייש אַ שטיק און קעז אַ שטיק,
פלייש אַ שטיק און קעז.
טעלער בראַזגן, גאָפּל טאַנצן, גלעזער, גלעזער — ד ז ש ע ז!
עסן־עסן־עסן־עס:
ניטאָ קיין נעם! ניטאָ קיין נעם! —
ניקל־ניקל־ניקל־ניק.
אין הונגעריקע לייבער קלאַפּן הערצער מיטן פיבערדיקן ריטם
פון ניקל־ניקל־ניק.
נעם איז אַרבעט! ברויט איז גליק!
קוכערס קאָכן אינדערוואָכן יאָנטעוודיקע עסנס.
נאָר די ברידער פון די קוכערס
וואָגלען הונגעריק, פאַרפראָרן און פאַרגעסן
אַרום די שפּיגלדיקע אַווטאָמאַטן
און פאַרגייען אין דער בענקעניש נאָך ברויט
באַקוקנדיק דעם „זאַטן",
וואָס קומט און קומט און קומט און קומט און קומט
אַ וואַרעמער אַרויס פון אַווטאָמאַט.
אַווטאָ־אַווטאָ־אַווטאָ־אַווטאָמאַט!
מאַט דער הימל,
מאַט דער באָדן,
האַרץ און אויגן מאַט,

מאַט און אָנגעלאָדן
מיט שטייגנדיקן הויך פון הייסע טעפּ און פאַנען,
מיט ניקלדיקן בליאַסק פון קראַנען
פון שאָקאָלאַד און קאַווע,
מיט קינע
צום יאָגן זיך און האַוען
פון די פולע
קופּעס מענטשן
מיט פולע
הויפנס ניקל, מיט „פולע"
טעלער שפּייז.

ווי יאָגנדיקע זייגערס
שלאָגן דאָ די אָנגעשטעלטע רעגעס:
ניקל־ניקל־ניקל: ה ע כ ע ר, ה ע כ ע ר, ה ע כ ע ר
די ניקל־בערג פאַרמעגנס: ניקל־ניקל־ניק:
אַפּאַראַט נאָך אַפּאַראַט.
טירלעך אָפן,
טירלעך צו.
רעגעס האָבן ניט קיין רו.
אַרבעטלאָזע ברידער קוקן צו,
און אין די לייבער שטעפּן גיכע, ברייטע שטעך
הונדערט אָנגעברענטע נאָדלען
מיט אייז־געפּעכטע פעדים.
אַפּאַראַטן, אַווטאָמאַטן, —
„מיילער" גלאַנציקע און גייציקע,
קליינע, פלינקע שיידים:
טירלעך אָפן,
טירלעך צו —
ניקל־ניקל־ניק!
— „עסערס מיט די ניקלס רוקט זיך צו!"

דריי קרייז־טירן — דריי ווינטמילן:
אַריין, אַרויס,
אַרויס, אַריין.
— „הונגעריק קאָן קיינער דאָ ניט זיין!"

דריי קרייז־טירן — דריי ווינטמילן:
— „לאָז הערן ניקלדיקן קלונג.
לאָ. זען ניקלדיקן שיין.
לאָז זיך וואוילגיין פאַר דיין גומען.
גיב־נאָך דיין אויפגערייצטע צונג".

דריי קרייז־טירן — דריי ווינטמילן: אריין. אריין. אריין. אריין.
(עך, הונגעריקע ברידער,
וואָס וועט זיין?)

שטול אַף שטול
און קאָפּ אַף קאָפּ.
אויסגעלייזיקט טאָפּ נאָך טאָפּ. (ברידער,
וואָס וועט זיין?)

זיצנדיק, גייענדיק, לויפנדיק, שטייענדיק — עסערס:
קלאַפּן מיט די לעפל,
קלינגען מיט די מעסערס.
שמירן ברויט מיט פּוטער,
שמירן ברויט מיט האָניק,
(ברידער, וואָס וועט זיין?)
נו, כאַפּט מען זיך פאַרגאַנוועטע אריין — נאָך פרייער ווארעמקייט
און האָדסאָן־„טאָניק".
אין די אויערן — ניקלדיקע פּייקלעך:
ניקל־ניקל־ניקל־ניק!
יעדער טיש איז פול מיט „גליק":
ברויט מיט זופּ און ברויט מיט קעז,
קאווע, טיי, ביסקוויט און מאַיאָנעז. גלעזער, גלעזער, גלעזער —
דזשעז!

הענט אין פיבערדיקן בוזעם,
קעפּ אין קאַלטע קאַלנערס,
גייט מען מוטלאָזע ארויס צוריק.
אין יעדער אָפּגעגנאַרטער ברוסט
שלאָגט און קלאַפּט אַן אוטאָמאַט: ניקל־ניקל־ניקל־ניק!

— „ברודער. האָסט אַן איבעריקן ניקל?
געפאָרן קיין פראַנקרייך, געוועזן אַ סאָלדאַט!"

— „גיי נאָר, דערציייל עס
די האָרנס — די האַרן
פון שפּיגלדיקן ניקל־אַפּאַראַט״.

Horn & Hardart!
גיי זע ווי עס וואַרט דאָרט
אַ צען־מיליאָניקע ריי
באַ דיינע פּוילע קלויסטערלעך איבערן גאַנצן לאַנד,
צו קריגן טעפּלעך בלאָטע,
וואָס פּריסטער רופן טיי.
איר האָרנס — איר האַרן
פון אונדזער לעבן, אונדזער ברויט.
הערט נאָר, הערט:
אין טעמפּן קלונג פון ניקל־שאָט
רוישט זיך שוין דער אויפרייס
פון בערג מיט געצונדענעם שראָט.

מיר, די סאַרווערס; מיר, די קוכערס,
סערווירן דיר
און באַקן דיר
די קוכנס.
מיט שווייס און בלוט פאַרפּרעגלען מיר דיין גליק: ניקל־ניקל־ניק!

אַ ניקל נאָר,
איין ניקל בלויז — טאָג־טעגלעך פּולע וועגעלעך.
גליקן! — גליקן! — גלעקעלעך
אַף דיינע גרויסע, שטייפע אויערן: ניקל־ניקל־ניקל־ניקל־ניקל־
ניק!

— „ס׳געפעלט אייך ניט אַמעריקע?
איז כאַפּט און פאָרט צוריק!״ —

יאָגן טראַמס און יאָגן באַנען.
ביי האָרנען פּייפט דער אויל אין פאַנען.
מילך און זויער־מילך אין טויזנט קאַנען.
אַכט און צוועלף און ווידער אַכט:
פרימאָרגן, מיטיק און פאַרנאַכט —

פון יאָגן בלייך, פון ארבעט מאַט —
געלויף, געלאָף צום אַווטאָמאַט.
ווער זשומט אהער?
ווער קומט אהער?
מאַסע. מאַסע. מאַסע.
צו פולער, פולער ניקלדיקער קאַסע —
ארבעטער, נאָר ארבעטער
וואָס קאָנען זיך עסן ניט פארגינען
מער ווי ה א ל ב צ ו ז א ט.

— „אַ ניקל נאָר,
איין ניקל בלויז —"

הונגעריקע הערצער
האָבן פארשארפטן געהער:
ווערט שוין קלאָר דאָ
ו ו ע ר א י ז ו ו ע ר.
איז געגרייט זיך, ברידער, צו געווער.
צעקלינגט דאָס קאָל פון זיגן
איבערן טומלדיקן שאָט פון ניקלס
וואָס קלאַפן־אויס האָרנס ליגן
פון לאַנדיקער שעפע.
ווייל עס גילט, עס גילט דערוויל
זיין מאַכט, זיין רויב, זיין מעסער
שפילט דערוויל
אַף אונדזערע הענט און הונגעריקע העלדזער.

אָט שאָטענען זיך אום פארמאָרעטע,
אין קרייז פון שווינדלדיקע טירן,
אין טויבנדיקן גרילץ פון ניקל־און־געשיר הארמידער
פון האָרנס שפיגלדיקע אַווטאָמאַטן,
פול מיט פרוכט, מיט פיש און מיט סאַלאַטן.
ב ר י ד ע ר,
(ו ו א ו ז י י נ ע ן ד י ט א ט ן?)

דריי קרייז־טירן — דריי ווינטמילן:
ארייַן, ארויס,

ארויס, ארײַן.
יאָ — הונגעריק קאָן קײנער דאָ ניט זײַן!

דרײַ קרײַז־טירן — דרײַ װינטמילן:
מעסערס שנײַדן, גאָפּלען שפּילן. (ניקל־ניקל־ניקל־ניקל־ניק!)
עסן! עסן! עסן! עסן! — עס!
ניטאָ קײן נעם! ניטאָ קײן נעם!
מילך אַ גלאָז און טײ אַ גלאָז! גלעזער, גלעזער — דזשעז!
ברױט אַ שטיק און פֿלײש אַ שטיק,
ברױט אַ שטיק און קעז. (ארײַן! ארײַן! ארײַן!)
זאָגט נאָר: װוערן זאָל!
װעט װערן שױן!
װעט זײַן!

טישן

װײַז מיר דײַן טיש פֿונדערװײַטן,
און איך װעל שױן װיסן צי האָסטו
אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן צו בײַטן, —
כ׳װעל האָבן דײַן לעבן צעמאָסטן.

טישן
זײַנען די שילדן
פֿון לעבן.
אַ טיש
װײַזט
װי ס׳איז דאָס לעבן פֿארטײלט.
אין אים
האָסטו
אַ פּראַקטישן רעבן, —
יעדער טיש
פֿון זײַן הױז
די געשיכטע דערצײלט.

בראָדװײַער טישן ברענען
פֿון פֿלעשער, פּרױען און פֿלײטן.

בראָנזווילער טישן פּרירן, ווי בראָנקסער און האַרלעמער,
כאָטש בלויז אַ טישטוך, קאַרטאָפל און ברויטן
קאָן אונדזערע באַשיידענע טישן דערוואַרעמען.

כ׳האָב געזען אַ טיש מיט גאָלדענע פליגלען
אין אַ מאַיאָנטעק,
וואו כ׳האָב מעבל פּאָלירט.
אין זיין פּאָליטור — דער שפּיגל פון פּריציש יאָנטעוו —
האָט זיך געדראַפּט קאָנען שפּיגלען
דער קאָליר און דער גלאַנץ פון רייכן געשיר.

פון די פּוכאָווע, געפּודערטע פּלייצעס,
דעקאָלטירטע,
דאַרף מען אין טיש קאָנען ציילן יעדן ברילִיאַנט,
און פון די קעפּ, די צאַצקעדיק־פריזירטע,
דאַרפן די דאַמען באַוואונדערן פריזירערס טאַלאַנט.

אַזאַ טיש
רייסט די אויגן
מיט זיין שרייענדיקן יאָנטעוו,
ווען ס׳וואַקסט אַריין אין אים דיין האַנט מיט פּאָליטור.
באַ ברויט מיט גרויפּנזופּ,
דערהיים,
דערמאָנט עס
אַז עס שפּילט דיין בלוט דאָרט
אונטער גרינעם אַבאַזשור.

מיין טאַטעס טיש
האָט אויך געהאַט צוויי פליגלען
אַף קליינע, בלעכענע זאַוויעסעס,
נאָר שטענדיק פלעגן זיי זיך קווינקלען
באַם אויפהייבן צום עסן.

אונדזער טיש איז אַלעמאָל געווען אַן אָנגעכמורעטער,
אַ ברויגעזער,
ווי אונדזער הונגעריקער, אומעטיקער פערד,

ווי דער פאַרזאָרגטער טאַטע.
דאָס טישקעסטל, ווי ס'האָבער־זעקל —
פול
מיט פוסטער האָפענונג,
ווי די ייִעשדיקע אויגן פון איינגעזעסענער קאַץ באַם אויוון,
ווי די ציג, די כאַליעוואַטע.

זינט מיין טאַטעס ארבעט אַף די פּריצים,
באַ גלעזעריי און פאַרבעריי,
זע איך צעטיילט די וועלט זיצן
באַ טישן באַ צוויי.

פון יענע קייזערלעכע פּריצים
ביז די היגע
איז נאָר איין
לאַנגע
טיש־געשיכטע —
פאָלירט מיט אונדזער בלוט.
איבער יענע
זיינען מיר שוין
איצט
די זיגער;
דאָ —
פרעסט מען אונדזער לעבן
און מען פאַרטרינקט מיט ווערמוט.

היימישע,
שטוביקע טישלעך־וואַרשטאַטלעך
אין ענגע, פאַרטשאַדעטע קיכן,
אין שטעטלעך איבערגעלאָפן מיט דאַכקעס, מיט אומעט און בלאָטע,
באַזעצט מיט פאַרמאָרעטע יאַטלעך,
וואָס קריכן
ווי קעצלעך דורך סטרוזשקעס און פלאָנטערן דראַטוועס.
דער טאַטע־באַלמעלאָכע פאָרקעט זיך און בייזערט.
די מאַמע באַם אויוון
באַקט וואַסערדיקע רעטשענע לאַטקעס.

דאָ האָב איך
אין פּרייטיק־צו־נאַכטסן
איינבינדער, שוסטער, שניידער און גאַרבער
זינגען געהערט
ערשטע לידער פון קאַמף און פון אַרבעט.

איך האָב געפונען בײַ אַ פּראָסטן, אויפגעלייגטן טיש
מיין קליינשטעטלדיקן, איצט גרויסשטאָטישן פעטער,
אין זיין נייער היים: גריבאָיעדאָוו קאַנאַל,
לענינגראַד.
איבערן וואַרעמען, היימישן טיש
טײַטשט ער מיר און דער מומען
נייעס
פון סאָוועטישע בלעטער, —
אָנשטאָט די אַמאָליקע מייסעס פון מאָטקע כאַבאַד.

איך האָב געזען אַ טיש פון ווייסן פּאָרצעליי
אין אַ ניו יאָרקער רעסטאָראַן,
אַנטקעגן דעם פּאַלאַץ פון לאַנדיקער יוסטיץ.
אינדרויסן ריידן פּאָרד און האַטאַוועי וועגן דער כוואַליע לינטשעריי,
און בײַם ווייסן פּאָרצעליי־טיש האָט אַ נעגער־פּאָרל זיך באַזעצט,
געבעטן קאַווע מיט אַן עפּל־פּאַי
און געקראָגן — שמייכלענדיקע האַלדזונאַקן־רייד
וואָס האָבן געברענט ווי טשעין־גענג שמיץ.
און ס'האָט די ציוויליזאַציע
באַם פרישטיק אין ניו יאָרקער רעסטאָראַן
געפּילט געשמאַק
פון בלוט דעם טאַם
אין איר בייקאָן און געבאַקטן גריץ,
אין געשמאַנטן הייסן שאָקאָלאַד.
נאָר דער טיש געדענקט
ווי זיין ווייסער פּאָרצעליי געוואָרן איז פון בלוט פאַרשוועכט,
און ווי די פּיסלעך האָבן זיך בײַ אים
דורך שאַרסטעקע קוכער־הענט געריסן
צו פאַרקראַמפּן אַלע לאַכנדיקע, פּרעסנדיקע העלדזער,
און דערווערגן יעדן מיט זיין ביסן.

בא טישן
אין גלעזערנע
ווייסע סאַוועטישע
קיך־פֿאַבריקן
האָב איך געגעסן קרויט מיט פֿרישן שוואַרצברויט און געפּוטערטע
מאַקאַראָנעס.

טישן גרייט
מיט הונדערטטויזנט מימיקס
פֿינקלען מיט געלעכטער און לעבעדיקע בליקן.
פֿאַרן עסן
זוכט קיינער אַף די ווענט ניט קיין איקאָנעס.
דאָ זיינען טישן בא דער אַרבעט
מיט סאָוועטישן געמיט.
כ'בין געוואָרן זאַט
בלויז פֿון דעם טאַם
פֿון גוטן אַפּעטיט.
דאָ האָט אַרבעט זיך אַליין פֿאַרגיטיקט
דעם פּיין פֿון איינגעלעבטן הונגער
און אָנגעהאַנגענע זאַבאַבאָנעס.

אין פֿאַרטראַנטעוועטע שטיקער פֿון גאָלדענע שטעט
האָב איך געזען טישן אין אָרעמע הייזער,
האַרט און פֿאַרפֿראָרן,
ווי הונגער־טויטע אַפֿן פֿראָסט.
ס'האָט דאָ ניט פֿאַרצייכנט דעם אַלטן זייגערס ווייזער,
איבערן טיש,
קיין איין יאָנטעוודיקן טאָסט.

אַזוינע טישן זיינען ניט געדעקטע.
אַ טישטוך,
ווי אַ הייסער מאַלצייט,
איז זיי פֿרעמד.
ווי דער אויוון,
פֿון לאַנג שוין ניט פֿאַרפֿלעקטער,
שטייען זיי הילפֿלאָז און פֿאַרקלעמט.

אזוינע טישן שטייען ווי בעטלער וואָס קאָנען נאָך ניט בעטלען,
און פאַררוקן זיך אַליין צוריק אין זייער קיך, —
גערולדיק וואַרטן ביז קעלט און טריקעניש וועט זיי צעבּרעטלען,
און ביז דער לעצטער טראָפּן ווידערשטאַנד צעקריכט.

פאַראַן טישן
מיט אָפּגעריבענער סאַראַטע,
קליין,
קרום און לאָם,
צעשאָקלט.
אויף זיי ליגט דער צאַר
פון נעגערישע כאַטעס, —
פון די איינוואוינער און סטעליע
פון נידעריקן שטאָקל.

פאַראַן פּראָסטע טישן, וואָס זיינען דעגענערירטע הוליאַקעס,
און טישן טרעמפּישע, מיט צודעקל, ווי דאַשעק אָפּן זייט.
אויף די ערשטע וואַקסט זאָאָלאָגישער יאַנטעוו פון כאַמסקע קולאַקעס,
אויף די צווייטע — קראַנקע בויערי־טרערן הילפלאָז און פאַרשייט.

טישן
אין ניו יאָרק,
וואָס פּראַוועז נאָך
ליבאַוויטשער שטיק.
פעטע פּאַראַזיטן האַוועז דאָ,
פלעכטן זיך — פון דאָלערס —
צום גאַניידן אַ בריק.
דער רעבע מאַכט קידעש,
טרינקען אידישע דיאַקאָנעס הייליקן „לעכייאים".
פאַרגלאָצטע גאַבאַאים כאַפּן שירייאים.
עס כאָרכלען געטלעכע נעזער פּאַטרוכע
מיט זידל, קלאָלעס און גיפט
אויף דער אַרבעטער־מעלוכע.
די גאַנצע שירייאים צעכאַפּט, —
לאָזט מען זיך ווידער אַרויס איבער הייזער, צו טישן, פון אָרעמען
פאָלק,

און מע צאפּט.
און מע צאפּט.

טישן אין קינדער־אנשטאַלטן,
אָנגעזופּט מיט אומעט פון א דאָר —
פאַריאָסעמט, צעקריפּלט
פון וועלטס קאַלטבלוטיקע גוואַלטן.
קינדער קאָנען זייער צאַר,
ווי זייער שפּיל,
פון דער וועלט ניט באַהאַלטן.
קאָנען די טישן די קינדער
בעסער
ווי די פאַרריסענע פאַרוואַלטער.
דאָ אָטעמט מיט הונגער נאָך היים און נאָך מאַמען.
בלייבע קינדער זיינען אומעטיקע אילוסטראַציעס
פון וואַקסן אַף ברויט און מושטירונג
פון קאַרגע, צעפרעסענע, וואוילטעטיקע דאַמען.
די טישן קוקן פרעמד,
ווען מען ברענגט צילינדערדיקע געסט צופירן.
די טישן ווערן לעבעדיק און ליכטיק,
ווען די קינדער רעוואָלטירן
קעגן קאַרגער, שלעכטער נאַרונג.
די טישן
זיינען זאַט מיט ביטערער דערפאַרונג —
ווי פון די יעסוימים די אָרעמע מאַמעס.

קליינע, ווייסע טישלעך
אין שפּיטאָלן,
מיט שאָקאָלאַדן און בוקעטן,
אין איינצל־קאַמערן, ביי זייד־געבעטע בעטן —
פאַר פּאַציענטן
פון רויבערישן וואוילטיק אויפגעדראָלן,
און טישלעך,
מיט ווייסער, לײדיקער דערוואַרטונג,
אין גרויסן וואָרד, בא אַלט־געווייסטע בעטלעך, —
אַף געסט וואָס קומען

מיטן גאַנצן צאַר פֿון היימען און אַן בלומען.
באַ די טישלעך,
וואו בלומען שמעקן שטאַרקער ווי די מעדיצינען,
וועט איר די וואַכזאַמקייט פֿון פּראָפֿעסאָרן אַלעמאָל געפֿינען;
מיט שמייכעלעך פֿון מאָנאַ ליזאַ־צנועס
פֿאַרזיסן די באַרעמהאַרציקע שוועסטער
פֿאַר די געהייבענע פּאַציענטן די רעפֿועס.
ווי אַ גוטער האָפֿענונגפֿולער פּראָפֿעסאָר
וואַכט פֿול די זון אין יעדער איינצל־קאַמער;
איז יעדער קראַנקנצימער
אַ זוניקע הייל־ און וואוילטיק־פּאַנאָראַמע.
די טישעלעך
אין גרויסן, וואַלקנדיקן וואָרד
הערן זיך צו צו יעדן קראַנקן וואָרט
פֿון פּאַציענט און זיינע באַשיידענע באַזוכער
געהאָרכזאַמער
פֿון די „באַרעמהאַרציקע‟, מיט דער „הויפּט‟ — וואָס ניוכעט
יעדן ריר און יעדן שפּאַן
פֿון יעדן דערשלאָגענעם, מאַטאָנע־לאָזן אָרעמאַן.
די אָרעמע טישעלעך
באַ די אָרעמע בעטן פֿאַר אָרעמעלייט
אין שטאָטישע שפּיטאָלן
טראָגן אַ בייז האַרץ אַף די „שוועסטער‟, וואָס האַלטן זיך ווייט
פֿון די קראַנקע
וואָס האָבן ניט מיט וואָס צו צאָלן.

טישן אין פֿעלד־לאַזאַרעטן,
ווי די פֿאַרוואונדעטע, —
בלוטיקע,
בעטן
פֿאַר דריי־פֿערטל־כּאָרעווע זעלנער דעם טויט.
זיי ציטערן־אויף,
ווען ס׳צעפּאָכן זיך איבערן וואַלד שראַפּנעלן.
זיי קוקן זיך צו און דערקענען
געפֿאַנגענע — אין פֿרעמד־אַרמייאישע שינעלן.
די טישן ווייסן:

דאָס לעבן איז דאָ זיכערער,
נאָר יעדער לעבן קומט אהער שוין אַ צעריסענער.
די טישן זיינען זאַט
מיט בעסערע עסנס,
נאָר די טישן לעבן בעטן האַלטן כּעזשבן
פאַר יעדן סאָלדאַט —
פון די נאָך פארבליבענע מעסלעסן.

טישן אין טראַנשייען,
פון דיקע קוואַדראַטן
גראָזיקע ערד־פּלאַסטן.
רויכיקע הימלען פייערדיקע האָגלען זייען.
איבער ביימער טאַנצן פולוועררדיקע טויטן,
נאָר לעבעדיקע קאַנדידאַטן
ווילט זיך פאָרט ניט פאַסטן, —
בלייבן ליגן טויטע הענט
צווישן אַלטע, שוואַרצע לעבעדיקע ברויטן.

טישן — פארמורזעט, —
טישן אין טורמעס,
קאַזעמאַטן, —
פול מיט איבעררייד־ און אונטעררייד־געמורמל
פון פינצטערע
און ליכטיקע טאַטן.
טישן מיט אפּאַטיע אָנגעפּראָפּט,
ווי מיט קאַלטן, בלייענעם מארך דער אומגעלומפּערטער קאָפּ
פון אייביק־פאַרמישפּעטן מערדער־אידיאָט,
וואָס קריצט מיט זיינע נעגל
אונטער יעדנס בלעכן טעלער אפן טיש
אַן עשאַפאָט —
טישן מיט טעמפּקייט פון לעבעדיקן טויט.
און דיזעלביקע טישן —
מיט רייד,
ווי מיט ציין איינגעביסן:
פאַרשלאָסענע פּלענער
פון גראַטעס אַף אייביק צעזעגטע,

פון פּאַנען צעשטרעקטע
אַף באַריקאַדן פון טורמישע טישן,
באַריקאַדן — מיט פייער און בלוט צו פאַרווישן
די טורמעס פון טויזנטער טרויערס און טויטן,
די טויטן און טרויערס, וואָס האָבן געדרויערט
פון ערשטן פּעאָדאַל און קנעכט אין עגיפּטן און אַלטן באָוול,
ביזן לעצטן ניו יאָרקער פּאַשיסט —
דער לעצטן אָוול
איבער וועלטישן רויב־ און טויטן־טיש.

טישן אין טונקל
פון אונטערערדישע קעמערלעך,
פאַרוואָרפן מיט ארבעט פון ארבעטער־קלאַס.
טישן מיט פּעק ריידנדיקע דאָקומענטן —
פון קלאַסנקאַמף אַף אַלע קאָנטינענטן.
לעבן די פּעק — טעפּלעך שווארצער טיי,
שווארצער ברויט און ביליקער ביר.
קומען־אָן מענטשן — קוקן די טישן פאַרשנדיק אַף זיי:
טישן,
וואָס היטן די טיר
פון אַ הונט פון דער גאַס.
טישן,
וואָס קאָנען דעם אורטייל, די טעזיסן
פון לענין און מארקס.
טישן וואָס וויסן
ווער מיר אַלע זיינען.
טישן געשיכטע
פון לעצטער עפּאָכע פון פּיינען.

טישן אַף באַנקעטן אין האָטעלן
פון פּירנדיקע ארבעטער־פאַררעטער. —
דאָ ווערט פאַרשוועגדט פון רויבער־הענט און אונטערוועלט־געזעלן
ארבעטערס טאָג לעבן, בלוט און ארבעט
אַף יעדן אויפגעפּוצטן צענטימעטער.

טישן אין ארבעטער־צענטערס און קלובן, גרייטע, גערעקטע,
מיט פּאַפּירענע סערוועטקעס, בלעכן גאָפּל־מעסער, —

שטייען ווי ארמייער — באגינען אויפגעוועקטע, —
גרייט צו דינען:
טישן געשיכטע
פון קארטאָפל און הערינג באַנקעטן
פאַר דער רויטער פּרעסע.
טישן היים פון הייסע הענט און הייסע רעדעס
לעקאָוועד נייע פּרעס־מאַשינעס.

טישן סערווירטע מיט קילע געריכטן,
אייזקרים און זיסע געטראַנקען,
אין אָפענע, זומערדיקע פאַנעל־רעסטאָראַנען.
יונגע, הונגעריקע ארבעטער
קערן איבער די געריכטן מיט די ווייטיקדיקע ברויט־פאַרבענקטע
אויגן,

נאָר אסאך טראָגן נאָך די געדאַנקען
אָן א זייט, — צו מיסטיקע קאַנען.

זילבער־טישלעך
מיט האָניק־לאַטקעס און מאַראַנצנזאַפט,
אַף גומי־רעדלעך צוגעפירט
צו לייטזעליקע דאַמען אין מירמלנע וואַנעס.

טישן אין יעזוסעס שטאָטישע קיכן,
מיט בלינדע, ברודיקע פלעקן
פון באַד־יויך און קאַווע — ביטער און טוכלע.
צווישן זאַמדיקן ברויט און קאַלטע, קראַמפּנדיקע פינגער
טאַראַקאַנעס קריכן:
מיט דעם זוכט שטאָט דורך גאָט
שרייענדיקן הונגער דעם גאָרגל פאַרשטעקן.

פאַראַן טישן —
פון ליידיקע קאַסטנס — פון רייפן פּרוכט און גרינס.
באַ דידאָזיקע טישן
ארבעטער פון אַלע ראַסן
אין לעבער, אין הינטערשטעט געפינסט.

אזא טיש האָט צו קיינעם ניט קיין טיינעס,
ווי זיין פּאַסיווער באַלעבאָס,
וואָס טראַכט ניט, אַז פון זיין בלוט מאַכט מען וויינען,
אַז מען באַרויבט אים אונטער דער נאָז.

אין מיין אייגענעם טיש
דערקענט מען דעם יורש פון מיין טאַטנס:
באַ דעם מינדסטן ריר און וויש
נעמט ער זיך וואַקלען.

זיינע שמאָלע פליגלען האַלטן זיך
אויך אַף בלעכענע זאַוויעסעס.
די דינע פיסלעך שפּאַלטן זיך,
נאָר זיי זיינען רויט געפאַרבט און גלאַט.
אַ דאַרינקער, אַ פרייליכער, — ער ווייסט:
ס'דערוואַרט אים בעסערס.
אויב ניט ברויט,
איז ער מיט קאַמף- און אַרבעט-לידער זאַט.
און ער ווייסט פונוואַנען ס'שטאַמט זיין רויט.
ער איז אינטים מיט די כאַוויירים פּירער, שרייבער
און פּראָבלעמען
פון קלאַסנקאַמף און קונסט.
אים איז וואַרעם. ער פילט זיך אינדערהיים.
ער הערט זיך צו צו יעדן וואָרט און ליד.
ער סקריפּעט לעבעדיק
סיי באַ קינסטלערישער דערגרייכונג, סיי באַ קינסטלערישע טאַנדעטן.
מיין טיש —
מיט פּוטערברויט, פּאָעזיע און פּרעצלס —
איז אַן איינגעלעבטער גליד
אינמיטן קרייז פון פּראָלעטאַרישע פּאָעטן.
איצט מייסטרעווע איך און מיין זון אַ נייעם טיש,
פון געזונטע, פּראָסטע ברעטער.
מיר שטעלן אַיין פעסטע פיס — ווי ס'שטייט אַ קלאַסנקלאָרער
סטאָליער —
ווי דער טיש,
וואָס שטייט אין לענינגראַד, באַם פּעטער, —
וואָס ס'האָט געמאַכט זיין זון — דער קאָמסאָמאָלעץ.

פאַראַן טישן וואָס טראָגן נאָך,
אין אָרעמקייט,
אַ טישטוך,
און זעען ניט אויס בײַ זיך אַזוי געפֿאַלן.
אױף אַזאַ טיש זעסטו
ווי דערנידערונג און האָפֿענונג מישט זיך:
„איך וואַרט,
איך וויים, —
ס׳איז אַלץ נאָך ניט פֿאַרפֿאַלן".

אַרויסגעשטעלטע
טישן
אויף בלאָטיקע פּאַנעלן,
שטייען רירעוודיקע, בייזע, —
צו באַפֿאַלן גרייט, —
פֿאַרן דאַלעס דרייסט זיך אײַנצושטעלן,
צעפּראָרענע,
און הונגעריקערהייט.

ניו יאָרק האָט פֿיר מיליאָן טישן,
אָנגעטאָנט מיט טראַגישער מוזיק,
ווען האָבן זאָלן זיי קלאַוויר־קלאַווישן, —
אוי! — וואָלט דאָס אויפֿגעשפּילט אַ שטיק.

דײַן טיש איז
דער ריכטיקער זייגער פֿון צײַטן.
דײַן טיש איז
די אָפֿענע בלאַט
פֿון דײַן אייביקן פֿאַרמעגן.
דײַן באַגאַזלטער טיש וועט דײַן גערעכטיקייט בייטן.
די טישן, די טיר
פֿון אונטערערדישן קעמערל
וועלן קומען דיר אַנטקעגן.

ווייז מיר
דײַן טיש
פֿונדערווײַטן,

און איך וועל שוין וויסן צי האָסטו
אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן צו בייטן, —
כ'וועל האָבן
דיין לעבן
צעמאָסטן.

דער באַנקעט פון געפייגערטן יאָנטעוו

(וועגן דער „נאַציאָנאַלער פּאָעזיע־וואָך און מאַנוסקריפּטן יאַריד אַף וואַשינגטאָן סקווער)

מאַי האָט געשטעלט צו דער אַרבעט די זון,
דעם גרין אַף ערד אוןביימער.
און דעם ליכטיק און הויך צעהימלטן טאָג,
האָט אַמעריקע אויסגעשטעלט אירע פּאָעטן אַף פיפט עוועניו
און וואַשינגטאָן סקווער'ן ראָג,
צו פּעדלען מיט קסאַוויאַדן, —
מיט געצירקלטע אַוטאָגראַפן אין נאַדן.

וואַשינגטאָן סקווער איז דאָס האַרץ
פון גרעניטש ווילעדזש.
דער ווילעדזש איז — צעגעטשקעטער הימל
פון אַמעריקעס באָהעמיע.
ווילעדזש־מיידלעך וואַלגערן זיך — שטאָלץ מיט זייער סטאַזש —
צעקנייטשט, ווי וואַלוועלע מאַטראַצן.
אַ בלינדער קעלער־לעבן מיט אַן אָנשטעל פון העכסטן עטאַזש.
ליד, שפּראַך און פּאָזע
ווי לוסטיקע צילינדערס פון שיקערע פּאַיאַצן.
אין בוידימער פוטוריסטישע
פּאָרט זיך דאָ געניאַליטעט מיט גראַפאָמאַניע,
פּאַטענץ פון סטילן און קינסטלערישע אַנעמיע.
דאָ זויגט מען נאָך טראַדיציעס דאַדאַאיסטישע,
און מע טראָגט אַ פּאַטלע־קרוין

אפן כעזשבן פון „גלאָררייכער צוקונפט" און אמאָליקע ערשטע
פּרעמיעס.

אַרום סקווער, אין מויערן מאָדערניסטישע,
וואוינט די אַריסטאָקראַטיע,
וואָס פּראָקלאַמירט פאַר שיקרעס און פילאָסאָפיעס אוטאָפּיסטישע
די ברייטסטע דעמאָקראַטיע
פאַר די קונסט-און הונגערפולע בוידעמשטיבלעך,
וואו ס'האָדעווען זיך קונסט־אַנדרייגעניסן, טומטומס
און געניאַלע זיבעלעך.
דאָס איז די באָהעמיע.

עדגאַר אַלאַן פּאָ,
וואָלט וויטמאַן, —
ביידע האָבן דאָ
זייער ליד געשריבן.
האָט פּאָ מיט זיינע שאָטנס אין לעבעדיקן קיוועך זיך פאַרקליבן,
וויטמאַן איז אַן איינזאַמער געבליבן,
ווייל ס'האָט זיין פערז פּרובירט שלאָגן אַף צוריק.
זיין יורשע — סאַנדבורג — איז אַ דורכגעפוילטע בריק.
ניט דעם, ניט יענעם
וויל איך דאָ פאַרטיידיקן.
כ'דערמאָן נאָר איצט,
ווען כ'זע די יאָרשים זייערע מיט ליידיקן,
זיצן אַפן סקווער אינמיטן מאַי, —
קוקן אין די אויגן יעדערן וואָס גייט פאַרביי,
און באָטן־אַן קסאַוויאַדן פאַר אַ דיים.

לויפט די שטודירנדיקע יוגנט, ווי אין צירק,
אַף וואַשינגטאָן סקווער.
צייטונגס־אינגלעך ברענגען בערלין אהער.
— „אין דייטשלאַנד, פּריסן, שלעזיע
פאַרלענדן שוואַרצע פייערן פילאָסאָפיעס און פּאָעזיע!"
— „פאַשיזם מאַכט סרייפעס
אַף טאָנען קולטור!"
און אַ פּאָעטעסע דאָ
פידלט־אָן אַ שמאָלצן טאָן

און כיינדלט זיך
ווי אַ פאַרוואָרלאָזטע פּאַרק עווענין הור,
צעמאַדזשגעט פון די באָנים און פליכעוואַטע,
צילינדערדיקע טאַטעס —
אַ צעפּלאָסענע שטיק פליש אין אָפּגעבליאַקטע זיידנס,
וואָס לעבט און קוועלט און כיינדלט זיך
מיטן שטאָלץ פון מופקערדיקע אָרגיעס און איבעסדיקע טשאַטעס.
די פאָעטן זעען אויס ווי האָבאָס,
ערשט אראָפּ פון ווייטע פראַכטבאַנען.
די מאַנוסקריפּטן אויף די פּאַרקאַנעס —
צעקנייטשטע בלעטלעך פון די נאַכט־קאַנען —
מיט צאַצקעדיקער קאַליגראַפיע —
דעמאָנסטרירן ביאָגראַפיע פון שטאָלצע בעטלער־טרובאַדורן,
וואָס פייערן מיט פּענימער און קליידער גרין און געל,
באַם ברייטן, לויכטנדיקן שוועל פון די וואָס וואוינען
אויפן העכסטן שטאָק פון אַלדאָסגוטס, —
„די נאַציאָנאַלע וואָך פון אַמעריקאַנער פּאָעזיע."

— „פּייער־בערג, פּייער־בערג
אין דייטשלאַנד, פּרייסן, שלעזיע!"
די צייטונגס־אינגלעך ברענגען היטלערן אַהער,
צום באַנקעט פון געפּייגערטן יאָנטעוו אויפן סקווער.
די מעכאַברים
פון צאַצקעדיק־קאַליגראַפירטע ווענט —
וואָס אַרט זיי וואו, וואָס און ווער עס ברענט!
זיי זיצן בײַ די פאַרהענגטע פּאַרקאַנעס מיט שיראַמיילעסן,
און פּרעגלען זיך אין פרייד און וואוילטיק פון מאַנאַקלשע היספּיילעסן,
וואָס פאַלט אויף זייער קאָפּ דאָ פון די הויכע פענצטער —
פון מעצענאַטקעס מיט פעטער ליבע
פאַר פּרייז הינט און פּרעמיע־פּאָעטן.

דאָ איז גרעניץ:
אַמעריקע מיט גאָלד און גאַל,
און קליין־איטאַליע — ניט מיט גיטאַר און שאַל, —
נאָר טיף אין קראַמף פון דאַלעס.

און אפן גרעניץ פראוועט באַדענהיים1) און קאַסטע — שיקער און
פארברודיקט —

די טעגלעכע באַנקעטן
פון דער „פייערלעכער וואָך".
דער יונגער, אַרבעטלאָזער פידלקינסטלער
שפּילט פאַרשעמט, פאַר פעניס, שטיקער קלאַסישע סימפאָניעס.
איבער זיין איבערגעקערטן, בעטלדיקן הוט אפן פאַנעל
פאַלן סקערצאָ מענער פון א פידלבויגן,
וואָס וויברירן מיטן פיבער פון טראַגיזם און איראָניע,
וואָס שפּילט זיך אַף זיין פאָנים, —
דער טראַגיזם פון צעבראָכענער האַרמאָניע
פון זיין אָרקעסטער, באַגריף פון קונסט און לעבן, לאַנד און היים
און ברויט.
(געשפּילט, געשפּילט און צוגעשפּילט
דער באַפּראַקטער דעקאַדענץ.
געשפּילט, געשפּילט — און אויסגעשפּילט —
זיין אייגן פּראַק, ראַמפּע, רואיקייט און קרענץ —
מאָלער האָט געמאָלט,
פּאָעט און מוזיקער — דעגענעראַציע אידעאַליזירט.
געקראָגן, עפּשער, גוט באַצאָלט,
נאָר מיט די דעגענעראַטן — אַליין דעגענערירט).
עך, איר עקסצענטרישע, יאַמשוים־פּאָעטן, —
די וואָך, יענע וואָך — איז געפייערט!
כאָטש עס לעבט, רויבט און יאָגטעווט נאָך מיט אייער ליד דער
באַלעבאָס! —

פון אייער ליד דער ריטם איז
אין וואָל סטריטס רויבערישן רויש,
אין קוואָרים אַף די שלאַכטפעלדער,
אין טפיסע און אין טויטנהויז.
אַנטקעגן דידאָזיקע לידער
ברענט פון פערצנטער גאַס דער גרויסער, ראָדיקער זייגער, —
אין זיינע שווערדיקע ווייזערס גליט דער פולס פון יוניאָן סקווער,
וועמענס ערד און בוים עס ווייסט שוין
ווער איז ווער!

---

1) באַדענהיים איז איצט אין אונדזער באַוועגונג, גאָר אַ אַנדער מענטש.

נאָר אַז טויט איז דער יאָנטעוו פון אייער פּאָעזיע,
איז געגנוג אייך די גלעקלעך פון מערק!

עס קומען אָן טוריסטן,
האַנדלען איין „אָריגינעלע ווערק"
פון מיסט־יקער
און אימאַזשי־מיסטן.
רעפּאָרטערס נעמען בילדער,
די פרעסע שמירט און שילדערט
די אויסשטעלונג פון „נאַציאָנאַלער קרעאַטור",
ציטירט די דיכטער,
וואָס „ציען דעם גאָלדענעם שנור
פון וואוילקלאַנג און עסטעטיק".
און די פּאָעטן זיצן באָרוועס,
דאָרשט און הונגער ניט געזעטיקט!

די צושויער — לייענען און ריידן פרום.
די פּאָעטן בלאָזן גרויסמוט פון קינסטלערישן מאַרטירערטום.
באַלויכט דער מאַי־טאָג אַ הונגער־און עסטעטיק באַל,
וואו דעקאַדענץ און וואורשטלעך איז אַן אידעאַל.

און די צייטונגס־אינגלעך שרייען:
— „אין בערלין, דורך נאַכט, אַ פייער!"
— „היטלער ברענט טאָנען קולטור!"
דער סנאָב, די פּאָעטעסע, — די פּאַרק עוועניו הור,
לאָזט מיינע ווערטער פאַלן אויף דער וואַנט.
איך פרעג איר: „וואו איז דאָס ליד
פון דיין היינטיק לאַנד,
דער הונגער, דער מענטש,
דער בויער — די ליכטיקע האַנט?
וואָס איז די אויסשטעלונג — פּאָזע?
פאַרבייגייער זאָגן: „טשיקאַווע!"
דיין „זיסע פּאָעזיע" איז ביטערע פּראָזע!
איר האַלט זיך ווי העלדן, ווי בראַווע,
זיינען זייט איר — טראַגישע קוריאָזן.
איר דינט דעם טייוול,

וואָס טוט איך אָן אַ הייבל
פון „נאַציאָנאַלער קרעאַטור".
דער גאָלדענער שעד וויל דאַדאַאיזם,
קאַלאַמבור,
דערלאַנגט זיין פרעסע דיר
אַ לעפל לויב, דיין בילד, אַ פּאָר גראָשן און אַ דאַנק.
דער שעד גרויסט יעדן דיכטער, וואָס „פּאַרזינגט" געזונטן,
עמעסן געדאַנק.
און זע, דער דאָלעם
ליגט דיר אויף דיין קלייד, אויפן פּאָנים,
הונגער אין די ביינער.

דו זאָגסט: עסטעטן!
וועט דער גאָלדענער שעד איך אויף נאַכט
און אויף שטענדיקן מאָלצייט פּאַרבעטן?
ער האָט שפּייכלערס פולע גרויס ווי שטעט.
אַ מיליאָן לייִדיקע מויערן,
אין יעדן צימער עלעקטריק, שרייבטיש און בעט.
ער האָט געצאָלט, און צאָלט נאָך היינט,
פאַר דיין מין פּאָעזיע, מוזיק און מאָלעריי,
אָבער וויפיל זיינען דאָס, די גליקלעכע? —
איינער, צוויי, צי דריי! —
דער גאַנצער שיכט
האָט אַלמאָל געלעבט
אויף איין מאָלצייט, איין קלייד און איין פּאָר שיך.
און זינט די באַנק האָט געקראַכט
איז נאָך פינצטערער, נאָך סאַמיקער זיין מעפיסטאָפעלישער מאַרך.
זאָג,
ווער איז דיין טאַטע?
דיין ברודער ווער איז?
דיין הויט איז, פון לעבן, אַ גראָע סאַראַטע,
און דו זינגסט זיך אָדעם
צום גאָלדענעם טייוולס ווילע־קאַרניז!
וואָס טראַכסטו, ווען ס'איז אין דיין האַרץ ווי אין בוידעם דיר
פינצטער?
זוך־אויס דאָס ערלעכע ליכט אין דיין אויג, קנעכטישער קינסטלער!

וואו איז דער פּערצן־טויזנט מיליקער ווייטיק פון זעכצן מיליאָן,
וואָס זעען פיר יאָר קיין ברויט שוין ניט אָן,
אין דיין באַזונגענעם לאַנד?
זי ענטפערט קורץ און בייז:
„איך בין אַ פּאָעט, ניט קיין דעבאַטאַנט!"

לויפן, לויפן די אויטאָבוסן,
ברענגען פּראַנטעוואַטע שטעקלדרייער.
שמייכלען זיי, באַוואונדערן
די עסטעטישע פּאָעזיע־קרייער.

קויפט מען פאר אַ דיים אַ סאָנעט,
פאַר אַ קוואָדער אַ באַלאַדע.
פאַר אַ וואורשטל אַן אָדע מיט אַ טריאָלעט,
און פאַר אַ האַמבורגער — די גאַנצע סטאַדע.

לייזן אַ טאָג פּערציק דיכטער
אַכט דאָלער זעקס־און־דרייסיק סענט.
(ניט איבערטריבן! —
אַזוי האָט ניו יאָרק אין איר גאָלדענעם טאָגבוך פאַרשריבן).
דאָס איז די בורזש־פּאָעטישע געשיכטע,
וואו פּאַשיזם צענעמט זיך די הענט.

די שטודירנדיקע יוגנט
גייט אַרום, פאַרצייכנט אין די ביכער
ווי עסטעטישער אידעאַליזם — די בורזשואַזע טוגנט,
העלפט אירע טרעגער סאַמען זיך, פאַרן קומענדיקן וויכער.

אַרום — וואַקסט טאָג אויף סקווער אין מאַי,
אַרום — וואַקסט אונדזער מאַי פון 1933.
אין יעדן געגנט פון דער שטאָט אַרבעט די פּאַרטיי
אָנגעשטרענגט און פלייסיק.
אַכט־יאָריקע שיכפּוצער זוכן אַ ניקל צו פאַרדינען.
די שטאָט איז פול מיט אונדזער ליבע, וואָרט און סינע.
אין די ווייטערע קוואַרטאַלן
איז די טשאַטע אונדזער יוניאָן באַפאַלן

מיט מעסערס און פּיסטוילן.
זעכצן מיליאָן שיך אין לאַנד
האָבן ניט קיין זוילן.
אַפן לייב ניטאָ קיין העמד,
די קעפּ פאַרוואַקסן, ניט צעקעמט,
ניט קיין באָד און ניט קיין בעט,
נאָר וואָס גייט עס אָן דעם דיכטער?
(— „ניט קיין דעבאַטאַנט בין איך,
נאָר אַ פּאָעט!" —)
ער האָט בלויז זיינע פליכטן, —
צו דער פאָרם און צום גראַם,
וואָס אַרט אים „די וועלט מיט איר טאַראַראַם?"
אָבער דאָס איז נאָר געריעדט.
יעדער קינסטלער ווייסט און זעט.
דער וואָס שווייגט — איז בורזשואַזיעס שטאָפּעט,
איר זינגער, איר האַנט — אַן „עסטעט!"

עסטעטישער דאַלעס

לאַמיר ריידן וועגן ליטעראַטור.
איר וואָרט און קלאַנג, אינהאַלט און סטרוקטור.

די אַלטע וועלט
האָט זיבן הימלען לידער, דערציילונגען און דראַמען.

שאַצן מיר אָפּ
די קינסטלערישע הויך,
לויט דער עפּאָכע, לויט די שטאַמען.
נאָר מיר דערקענען אויף דעם בויך,
וואָס מאַרשעליקט פּראָזאַדיע[1]
מיט באַזילבערטע ווערטער און ראָמאַנטישער מעלאָדיע,
אָף אָכצנטויזנט טויטע טעמעס,
מיט דער הילף פון וואונק און ריעמען[2]
מיט דעקאָרירטע הערוגליפן[3]

1) בעלעטריסטיק. ליטעראַטור.
2) אַנדייט.
3) שפּראַך־סימבאָלן.

און מאָדערן־פאַרקליידטע מיפן[4]
דער קונץ איז:
דורך קונסט דעם ליגן מאַכן פאַרן עמעס;
פון אַ פינצטער האַרץ אַ וואָלקנדיקע פילאָסאָפיע אויסגעשליפן —
דעם זין פון לעבן צו "פאַרטיפן".

קענען מיר
די וועלט — די קלאַפּטע —
איר נעשאָמע, איר פיגור, —
וואָס האָט באַגייסטערט אירע קינסטלער אָנבאָרגן קלאַפּטער אַף
קלאַפּטער
„ריין־עסטעטישע" ליטעראַטור.
די עטיק אירע
קענען מיר אַלע,
קענען אירע קינסטלער און די „שיין"־שמירער
די קאָלאָסאַלע.

בלויז אַ גוטער מאַנטל האָט פון פיינסטן זייד אַן אונטערשלאַק.
שאַרסטקע קליידער ווערן ניט אויסגעבעט מיט סאַטין. —
וואָס דאָס לאַנד איז — איז דער שרייבער, דער פאַרלאַג:
זייער עטיק און עסטעטיק — פּראָדוקט פון זעלביקער מאַשין.

ביז לעצטע האַנט פון אַרבעט איז ניט פריי,
קאָן די וועלט ניט זיין גערעכט.
דער קינסטלער, וואָס לויפט דעם עמעס פאַרביי,
איז אַליין אויך אַ הענקער וואָס שעכט.

אויב זיין ליד איז ניט אַ זעג פון פיינסטן שטאָל,
אויב זי צעזעגט ניט מאַסעם אָנגעראָסטע קייטן, —
זינגען אַלע מערדער אונדז צום טויט מיט זיין דיכטערישן קאָל,
און זיינע לידער זיינען אין הענקערס לאַפּעלן די קווייטן.

פון די „הויכע פענצטער" האָט מען אין אונדזערע קעלערס
אונדז צוגעוואָרפן געבעבעטע, באַבראָנזטע פערזן,
מיט וואָס מען האָט קאַקעטירט אַף באַזויפענע בעלער
און געזעטיקט די פּרעטענזיע פון דער ליטעראַרישער בערזע.

---

4) פאַנטאַסטישע געשטאַלטן און פאַרשטעלונגען.

הויף־פּאָעטן פלעגן זיך אין אונדז דערמאָנען, —
דעם דאָלעם אָנשרייבן אַ צאַצקעדיקע אָדע.
סיי גרויסע קינסטלער, סיי גרויסע עפּיגאָנען
האָבן מיט דעם געדינט פון הויפדאַמען די מאָדע.

יאָ. מאָדע און פאַסאָן — אידעאַליזירן הונגער,
אויפמאָלן אַ בעטלער אין באַשטראַלטע טראַנטעס. —
אָ, הויפדאַמען באַוואונדערן דעם „זינגענדיקן צאַר", באַזונגען
סיי פון אַ נאַדסאָן, סיי אַ סערוואַנטעס.

מיט לידער האָבן זיי דעקאָרירט די הויכגעשטעלטע בעטן,
באַזונגען הענקערס העלדישקייט, מאַדאָנעס הייליק שטאָל,
דערמאָנט זיך, אַז מען דאַרף שוין מאָסן־פּיין אַ גלעט טאָן —
אַ קאַפּ אַ זינג טאָן סאָציאָל.

איז וועגן אידיליע פון נידעריקן, רויכיקן שטיבל מוזיצירט,
איז עסטעטיש געבאַלאַדעוועט וועגן שטיינהאַקער און מילנער;
און פון אָרעמען פאָלק האָט איינער דעם אַנדערן פון הונגער צו
קוואָרע געפירט —
אין אַלט־פרענקישן פּראַג און רוים, אין מאָדערנעם ניו יאָרק און
ווילנע.

מיר האָבן אייוועלעך געדאַרפט, אַ באָד און בעטלעך,
קאַפּטאַנדלעך פאַר קינדער — ניט שיינע מייסעס זיי דערציילן,
איז ווען זיי זינגען אונדז, מיר זאָגן זיי: „שטאַפּעטלעך:
מען קאָן אַן איי אַן אויסגעבלאָזענע ניט שיילן".

מען האָט געמאַכט אונדז לידער פון די פּראָסט־בלימלעך אויף שויבן,
פון אָרעמקייט די „שיינקייט" מיט דעם דער וועלט באַוויזן.
די פּערוועדז־פּאַרפּוצטע וועלט פלעג דערפאַר באַלוינען און דערהויבן
אירע דיכטער — סיי די קאַרליקלעך און סיי די ריזן.

דורך אונדזערע ביינער, דורך בלוט, ווייסן מיר אַלע
דעם נערוועזן פּיין פון צעבלאָטערטע, באָרוועסע פיס,
און וואָס פאַר אַ קונסט ס'איז באַבלימלטער דאָלעם, —
מיט וואָס פּאָעטן באַרויקן פּריצישן קאַפּריז.

קאָנסט אונדז מאַכן קאָרנברויט פון פּאָטעטישן זעמלמעל ?
פון קאָלירטע קרעלן קאָנסט אונדז מאַכן פרישע רויע רויגן ?
קאָנסט מיט דיינע „שטראַלן" מאַכן אונדזערע קעלערס וואַרעם און העל —
פון קעראָסין־לעמפּל — אַ רעגנבויגן ?

שטעפּ אונדז אויף פון שטערן־פּערזן אַ פּאָר שיך,
פון לעוואָנע־לידער מאַך אונדז אַ פּאָר הויזן,
און דאָס האַרץ, די לונגען אונדז פאַרריכט
מיט דיכטערישע בוקעטירטע רויזן.

זאָגן מיר: רעדט ווערטער, וואָס וואַקסן ניט אַף סטרונעס,
ווען הויקערס אונדזער ווייטיק אַף אַלע יאָרן הענגען.
מיר ווילן ליכט — און ניט בלויז פון די „זיבן זונען",
ליד און וואָרט — וואָס וועט די זון אַהיים אונדז ברענגען.

אונדזערע ווערטער וואַקסן צווישן האַרטן ברויט און ציינער.
אונדזערע ווערטער פיבערן אַרויס פון איבערברענטע ליפּן.
און דאָך איז א ו נ ד ז ע ר קונסט בלויז היינט דאָס שיינע,
דאָרט — זיינען קלאַסישע פידלען מיט כראָנישן כריפּן.

רופן מיר: געדענקט, דער קריכער און קענגער ווערט פאַרשאַרט,
ווען פייער־נאָדלען שרייבן געשיכטע אַף ברעניקע בראָנזענע בויגנס:
איז גיט אַ ליד, וואָס וואַרעמט אָן דעם קעמפּערס האַרץ,
אַ ליד, וואָס מאַכט אונדז ליכטיק אין די אויגן.

צו אַ זון פון אַ טאַטן

דאַניעל — זון פון מעקווינען:
דו טאָרסט ניט, מיט דיין טאַטן,
זיין אומקום באַוויינען.
דיין טאַטע פלעגט זיין זעלבסטמאָרד־שטריק
פילאָסאָפיש, פינצטער־גיריק,
און זויגט פון דעם בייסאווילעם ליריק.
ער גיט דאָס דיר ווי ווייַן.

נאָר ס'איז דאָס אָפּגעסאַמטע בלוט
פון זיין אומקומיקן „זיין".

איך ווייס, דאַניעל, דיין עלטער.
דיין יונגמענעריש לעבן — וואָס דאַרף ערשט אויפּפּראַלן,
אָן אויפגעהעלטער —
שטייגט אין שאָטן פון דיין טאַטנס פּאַטאַליזם,
וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער דיר — וואַנטיק —
ווי אַ צינקענער שטיק וואָלקן
איבער אַ יונגן, ליכטיקן ניו יאָרקער מויער.
זאָגט דער טאַטע דיר: מיין זון,
דער זין פון לעבן
איז דער מוט
צו קאָנען אָננעמען יעדן ווייסטן גזאַר,
איז פּיין געליטערטער,
צאַרטקייט אין דער שאָ פון צאַר —
איז אונטערגאַנג־דראַמאַנטיק.

ס'האָט אַ ברייטע האַנט, דיין טאַטע. —
ער גיט דאָס דיר: נאַ, נעם,
צעטראָג
מיינע קלוגע לידער פון באַצוקערטן סאַם אויף זיידענער וואַטע,
קלעפּ־אונטער אַ ליד אונטער דיין יעדן כאַווערס ברעם, —
זאָל דאָס וואָרענען דיך און זיי,
אַז ס'איז דער מאָרגנדיקער טאָג
אין סינע־רויך צונויפגעקנוילט
פון מאַכשייפעס קאַלטענעוואַטע.
נעם, דאַניעל, נעם:
באַוואָרן זיי. צעטראָג.
און דו — וואָס זאָגסטו, וואָס? —
זעסטו ניט
אַז ס'איז דער טאָג פון אָנגעגליטן, אָנגעסמאַליעט גלאָז?
זעסטו ניט,
ווי ס'וואַקסט און פלאַמט און יערט
אַ וועלט־מאַקע פון יעדן טשיריק?
פון דעם,

און פון פולווער
מאכט דיין טאטע ליריק.

פיזיקע האָסטו געלערנט.
ווייסט פון דעם נאַטור־געזעץ, אַז סע רעגנט ניט —
ווען ס'איז דער הימל אויסגעשטערנט:
ניטאָ, ניטאָ אין שטוב קיין וואָלקנס —
אין אונדזער לאַנד פון ווייסע נעכט און רויטן שטערן.
וואָס לאָזט, פון דעם, אין ליד, דיין טאַטע הערן?
דיין טאַטע, דער פּאָעט
קאָן מאַכן פון הימלדיקן מילכוועג אַ זילבערנעם בעזים.
נאָר ס'וועט ניט אויסקערן די שפּינען און שפּינוועב
פון אונטערן בעט.
פּונקט ווי כאָכמע פון אַ מענטשן
שטעקט ניט אין זיין צאַצקעדיקער האַנטשריפט,
אַזוי שטעקט אין הימל־ליד קיין מיטל ניט
אָפּצוראַמען פון דער ערד די פאַשיסטישע מעלוכע פון שלאַנגען,
הינט און וואַנצן.

דיין טאַטע וויל — וואָס?
די „גאַנצע מענטשהייט" אויסהיילן.
יאָ, אַ סימבאָליקער „קאָן" פון אַן איינציקן אָס
די „גרויסע געאולע" אויסשיילן.
איז דיין טאַטנס לערע פאַר ה י ט ל ע ר ן אַ הייל־מיטל?
קאָן דאָס מאַכן פאַר אַ לייט דעם אייביק רויבערישן באַלעבאָס?
יאָ, אַ מאַגיקער
קאָן מאַכן זיך אַ קרוין פון אַ קאַרדאָן־היטל,
אַ קרישטאָלענעם לאַמטערן — פון דער נאָז.

דיין טאַטע —
פון אידישן העלד צו דיר רעדט ער.
נאַ, די געשיכטע טו אַ בלעטער.
פון די מאַקאַביייער
ביז די כאַלוצים.
דיין טאַטעס פערציקטויזנטיאָריקער „קידעש האַשעם"
וועגט פאַרענטפערט פון דווירעסדיקע פאַריסייער

מיט שווערד און בלוט און בלוטיקע טערוצים.
דער אידישער העלד?
ס'איז לעקערט אף וועלטישן פּאָסטן געשטעלט.
דער ארבעטער לעקערט —
אין בראָנזענעם אויסגוס פון לעבעדיקער מאסע —
סאָוועטישע שעפער
פון לעבן מיט פרייד. לעקערט —
דער הונדערטאונאכציקמיליאָניקער העלד.

דאניעל:
אין דיין רייפן, זאָג, די וועלט דערקענסטו? —
צו דיין טאַטן גיי און זאָג: „מיינע אויגן
וואָס פאַרבלענדסטו?"
ווארף ארויס
דיין טאַטנס אומקום־עלעגיעס.
אנטלויף
פון די דומפּיקע קעלערס
פון זיינע גוילעמיש־מעשיכישע טריאָלגיעס.
מיט רעצועס און מיט ציצעס
מיין טאַטע האָט געבונדן מיך צו זיך,
ביז איך האָב לעקערטן דערהערט פון עשאַפאָט:
„הער גובערנאַטאָר — אפן שטערן זיך פארקריץ עס —
עס לעבן טויזנטער ווי איך"
זינט מיין טאַטע עסט ניט פון מיין טעלער
איז די וועלט, מיין אויג מיר העלער.
וואָס איז אַ טאַטע,
ווען ער זיצט און זינגט געוויין
איבער דיינע טעג, וואָס דארפן ווי די זונען קומען?
וואָס איז אַ טאַטע,
וואָס קאָן פאַר דיין אויג זיך אין לירישער דווייקעס פארגיין —
וועגן שאָטנס פון „דערלייזער" אף די בוידימער פון פראַג,
און אפן גורל פון צעפאַלענעם בייסאוילעם אין איהומען?
אַ טאַטע איז דיר דער,
וואָס שטעלט דיר פאָר די וועלט,
און מאָלט אין קלאָרן פארב דיר — ווער איז ווער.
אַ טאַטע —

וואָס בויט דיר ניט דיין לעבן אַף לעגענדעס.
אַ טאַטע —
וואָס ווייזט דיר די איינציקע, ליכטיקע ווענדונג.

איך
בין אַ טאַטע צו מיין קינד.
ניט דורכן בונד מיט זיין מאַמען. —
מיט מיין לעבן
האָב איך דאָס פאַרדינט.
מיין שימען, ווי דו,
קען געאָגראַפיע.
ער ווייזט מיר אָן וואו —
אַף סאָוועטישע גרעניצן —
עס גרייט זיך די באַוואָפנטע פאַראַפיע.
אַז איך קעמף
קעגן די וועלט־היטלערישע אונטערצינדער,
קוועלט אין מיר דער קויעך
פון מיינע קעמפערישע קינדער.
און ווען שימען און הענטשל קעמפן אין די רייען,
לעבן זייער טאַטן.
גיבן זיי אין קאַמף זייערע יונגע טעג און בלוט מיט פרייד,
ווייל ביידע ווייסן
איך וועל נעמען זיך די שטראָף פון טויט,
איידער מיין קלאַס — דורך זיך אָדער קינד —
צו פאַרראַטן.
און אויב אין טעג פון גרעניצלאָזן, רויבערישן צוואַנג
וועסטו, דאַניעל, ווי מיין שימען,
איבער די אַקסלען מוזן איבערציען אַ ברוין העמדל,
און זיך פאַרגאַרטלען מיט דעם סוינעס זעלנער־רימען,
זאָל דיר קלאָר זיין: אונדזער זיג און לייב און לעבן

איז אין ווייסן
וואוהין צו קערעווען די ביקסן,
אין וועלכער זייט צו שיסן.

דער „הילצערנער אינדיאַנער"

„זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווי לאַנג וואָלט איר איינגעטיינעט מיט אַ הילצערנעם אינדיאַנער?"

— — — — — — — — — — — — — — —

„מען קאָן ניט אַדווערטייזן אַ צען טויזנט דאָלערדיקן אויטאָמאָביל אין אַ צייטונג, וואָס ווערט געלייענט פון אָרימע שאַפּ־מיידלעך..."

— — — — — — — — — — — — — — —

„דער טאָג דערגרייכט אַ קלאַס לעזער, וואָס קאָן קויפן. עס איז אַ קלאַס צו וועלכן דער אַדווערטייזער קאָן ריידן — און די רייד זיינען ניט אַרויסגעוואָרפן".

פון אַן אויפרוף אין „טאָג" צו קרעמער, אַדווערטייזער, שאַבעס, נאָוועמבער 14, 1931.

בלוט און פלייש פון אונדזער קלאַס:\
אָט, זעט,\
וויפיל ביטל, וויפיל האַס\
די הענדלער פון „קולטור" טראָגן אונדז אַנטקעגן.\
וואָס טראָגט איר טעגלעך זיי דריי פּענים\
און העלפט זיי אָנזאַמלען פאַרמעגן,\
העלפט דער צייטונג מערן זייטן?\
וואָס מער זייטן — מער פאַרראַט,\
סאַם און סינע\
קעגן אונדז און אונדזער טאַט.

ווי טאָרן מיר העלפן,\
שטאַרקן די הענט פון פאַשיסטן?\
ווי טאָרן מיר העלפן זיי\
גראָבן די מיסטן,\
וואָס זיי וואַרפן אין אונדזערע הייזער?\
ווי קאָנען מיר העלפן פאַררעטערישע הענט,\
וואָס פּרוּוון מיט גוואַלט רוקן צוריק\
פון אונדזער עפּאָכע דעם ווייזער?

בלוט און פלייש פון אונדזער קלאַס:\
אונדזער נויט ווערט שפּאַס\
אין זייער כניפע צו די רייכע.\
דאָס זיינען מ י ר — די „הילצערנע אינדיאַנער",

וואָס לעבן קוים אַף ברויט, און ניט אַף טייבעלעך
מיט מאַרצעפּאַנעס,
און „קאָנען ניט קויפן קיין דע־לוקס אָטאָמאָבילן".
ברידער, שוין צייט צו דערקענען
זייערע נאַקעטע און דעקאָרירטע צילן:

— מיר האָבן ניט קיין לעזער האָלעדריגעס,
אַרבעטער, שנאָראַנטן, וואָס לעבן אַף אַ שיבעש.
ניטאָ בא אונדז קיין ליימענע גוילעמס,
וואָס אַרבעטן אין שעפּער, גייען צו פּוס.
בא אונדז רעדט ניט דער קרעמער צום „הילצערנעם אינדיאַנער",
נאָר צו מענטשן מיט געלט! פאַרשטאַנען?
דאָס איז דער עמעס, ליבער אַדווערטייזער:
אונדזערע לעזער זיינען באַלעבאַטים
פון רייכע אָטאָמאָבילן און הייזער! —

שווערדן־שאַרף און מעסער־שניט.
שפּיאָנען שפּירן אונדזער טאַט און טריט.
די שוואַרצע־פּרעסע־אידן דינען פּראָוואָקאַטאָרס אין האַוואַנאַ און קאַנאַדע
און שיקן קיין וואַשינגטאָן טעלעגראַפישע בראָכעס
צו פוילנס פּאָגראָם־אַמבאַסאַדע.
אין שיקאַגאָ די פּאַרטיי־קאַמער —
צערויבט, צעבראָכן, צעראַבירט.
און וואו מען טרעפט אָן אַרבעטער,
וואָס אָטעמט טרייהייט צו דעם סערפּ און האַמער
ווערט צום שיף, אין טפיסע, און צום טויט געפירט.
אַרבעטער, דערקענט דאָס מויל וואָס רעדט
אין עדיטאָריעל, באַריכט און אַנאָנס —
ס'איז דער זעלביקער אַלפאָנס!

פאַר דריי פּענים
קויפט מען ברויט א האַלב פונט.
איז געשליידערט צוריק
דעם ביטל, די סינע, דאָס שונד.
אַפן „הילצערנעם אינדיאַנער"
וועט לאַנג שוין ניט בילן דער הונט!

פען־קלוב

פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָוועליסטן,
לויט טראַדיציע פון זעלביקן קאַליבער —
איין פּיפּיקע קאַפּעליע צימבאַליסטן
מיט פּאַשיסטישע הענקער בעציבער.

שוואַרצהעמדיקע העראָלדן, טיטולירטע,
פון פּוילן בלוטיקער און פּאַלעסטינע.
ס׳זיינען זייערע פּאַרראַטן פּאַרפּומירטע
מיט „אידישע קונסט" אין בלאַט, אין בוך, אף בינע.

אָט זיינען זיי — די פּען־פּאָעטן,
אין טעג פון שלאַכט און הונגער — „ריינע" קינסטלער.
טעראָר און הונגער מיט „קונסט" פּאַרגלעטן,
זינגען זומערדיק, — ווען ס׳איז קאַלט און פינצטער.

אָט זיינען זיי — די עסייאיסטן.
אַלע שפּילן אונטער שוואַרצע כופּעס.
מעטאַפיזיש־ליבעראַלע אידישיסטן,
וואָס באַשרייבן „פילאָסאָפיש" הונגער אין כאַלופּעס.

אָט זיינען זיי — די נאָוועליסטן
פון פּראַגער בוידעמס און ניו יאָרקער בויערי.
ווען אַרבעטער לעבן אף פרירנדיקע מיסטן,
דיכטעווען זיי אַלטוואַרג און ראָמאַנען זיס און זויערע.

היינט איז קעמפערישער מיטוואָך.
פון אונדזער ליד ווערן לאַנדישן דערשאָטן.
מיט לעצטע קויכעס אייער לאַנדיש־ליד דערציט נאָך,
איבער שטעט מיט אַרבעטערס בלוט באַגאָסן.

אייער „אומשטערבלעכקייט" באַשנירט זיך
מיט דעם „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ".
געדענקט נאָר: אַן עפּאָכע שמידט זיך,
וואָס׳ט אייך באַטיטלען: ליטעראַטורא פּראָסטיטוטאַ".

באהענגט זיך מיט מעדאַלן און טיטולן,
קרוינט זיך אין פערזן פון אייער דעקאַדענץ.
דורך קעגנערס האַרץ וועלן מיר דורכשיסן פייערדיקע גולן
און באַגראָבן אייך אינאיינעם מיט די קרענץ.

מאָנומענט

א הייזל, א בריוו, א מעדאַל — שטראַלט
אין שוואַרץ אַף בלוט זיין נאָמען. —
עס וואַקסט אויס דעם פּאַטעס געשטאַלט
איבער הארוגים פון פּאָגראָמען.

אין פּוילנס ראַם, אין גאַנצער גרויס,
מיט שטאַטלעכער פּאָזע און סטאַזש,
מעדאַל פּאַשיזמאַ אַף ברוסט פאַראויס —
שטייט פּויליש־פּאַניש שאָלעם אַש.

עס פלאַצן וועגן אונטער טריט,
עס ברעכן זיך רעזשימען. —
אַש ציילט פון הארוגים דעם פּראָפיט,
זינגענדיק זיין לאַנד א הימען.

מיט ליכטיקע הענט

(דער פּראָלעטאַרישער לערן־יוגנט, אָנהייב סעמעסטער)

איבעראַניים
נעמען מיר זיך
צו די ביכער.
רעוווידירן בלאַט נאָך בלאַט, רעוווידירן פערז און שורע.
וואו עס וואַקסט די רייפע גוואורע פון
יונגע, פולע יאָרן
וועלן מיר צוזינגען א נייעם סטראָף.
וואו עס וואַקסן ריפּמען סטוואָליקע פון וואָרצלדיקע זינגעכצן

אמאָליקע,
ווען מיר אָמפּשטעמפּלען: אַ ס אָ ף.
מיר נעמען די זיילן פון
דער וועלטס פּראָזאָדיע און וואַרפן אָפּ
די שאָבלעכדיקע צאַם און דאַמען טאַקט.
קיינער זינגט דאָ ניט קיין הילפלאָזע ראַפּסאָדיעס;
מיר לעבן אַף דער ערד,
און אונדזער וויזיע, ווי ערד, איז פּ אַ ק ט.
אונדזער בלוט לאָזט ניט זיצן און
טרויערן
אַף דעם צאַר פון די לאָמען — פּאַר
ליכטיקע מויערן —
וואָס מוזן אָפּט גראָבן און בויערן
קוואָרים אַף גראָזיקע נאַכלעס.
מיר ווען די בראָכע פון אונדזערע פעלדער און הערצער צו אַלעמען טיילן.
היילן, נערן און פאַרהיילן
די שוואַרצע, שניידנדיקע מאַכלעס
מיט אונדזער ברויט און ליד.
אונדזער יעדער קיוועך איז אַ באַזונטער פּיראַמיד
אין די רויטע, יוניקע יאָרן פון וואוקס.
מיר סאַמען די מייז און
פאַרטרייבן דעם
פוקס
פון שייער, פון ליד און טריבונע.
מיר וואַרפן אָפּ אַלץ, וואָס איז געטלעכע קעהונע
און זינגען מיט די, וועלכע וואוינען אין גראָבקייט
פון פינצטערע ווענט
און בויען אַ לעבן מיט שווערע, ליכטיקע הענט אין
די רויטע, יוניקע יאָרן פון וואוקס.
די טעג און די יאָרן רונדיאַריק אין יוניקע קליידער — דאָס איז דער
לויטערער ניידער
פון לעבן, אין העמדער פון זוניק געוואַנט.
דורך געשיכטלעכע וועגן, איבער
טויטע קולטורן,
איבער אייגענע קוואָרים און

בראַנז־באַריקאַדן — אַרויף,
ביז די העכסטע, קופּערנע טרעפּ. ליב איז אונדז,
ליב — אויב מען דאַרף און מען מוז —
ווערן געקעפּט
אויף הייסער ברוסט פון ערשטן, היגן פרייען טאָג,
צעלויכטן פון דער ערשט באַפרייטער זון.

זין פון רויטן וויכער

(צום גראַדואיר־יאַנטעוו פון אידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט)

מיר אַלע זיינען זין
פון רויטן וויכער.
אין שעפּער און פאַבריקן דורך די טעג,
און דורך די נעכט,
דורך קלוגע ביכער,
רייפן מיר דאָס וואָרט פון אונדזער קלאַס.
גייען מיר
פון שאַפּ אין שול
מיט האַק און שער און זעג.
אונדזער לעבן ווארעמט זיך ניט אויס
אין אַ ברייטער בעט מיט ווייסן, ווייכן פוך.
מיר שלייפן אונדזערע נעכט און רייפן אונדזערע טעג
אויף שווערע, שאַרפע העק און העלע זאַצן
פון מאַרקס און לענינס בוך.

מיר אַלע זיינען זין
פון רויטן וויכער. גיכער!
צו די העק און צו די ביכער.
זיג איז זיכער!
זיכער!

ס'איז שווער דער וועג,
נאָר לייכט דער גאַנג.
ווייל די טעג זיינען

פעלדער אויפגעפלאַמטער מאַן. און אַזוי
בליט אין אונדז דער דראַנג
צו וואַקסן פולער, רויטער,
פול און רייף ווי לענינס וואָרט,
פול און רויט
ווי אונדזער פאָן.

מיר אַלע זיינען זין
פון רויטן וויכער. גיכער!
צו די העק און צו די ביכער.
זיג איז זיכער.
זיכער.

די גלעקער פון ניי־יאָר

עס קלינגען די גלעקער
פון ניי־יאָר! קלינגען געקלאַנג
פון בעכערס מיט וויין, פון בראָכע פון ז י י ן, פון גאָלדענעם צוזאָג —

פאַר רויבער און ראָוו,
פאַר בלוטזויגער, פּאַרעץ און שווין.
נאָר אונטער די דעכער
און אונטער די דילן
פון שטעט און פון לענדער שטיקט זיך
אַ פעכיקער פייער — רייסן זיך, פליגלען זיך
פלאַמיקע פעכער!

די דעכער
זיינען אַלע שטאָל. די דילן —
קרישטאָל־און־שפּיגל גלאָז.
און ווי נאָר די וואָוויליאָנגערישע וועלט הויבט־אויף איר קאָל, אינמיטן נאַכט:
„מיט גליק! מיט גליק! — צום נייעם יאָר!" —
טוט די אַרטילעריע זיך אַ לאָז אַ שפּיז־און־פייער־טאַנץ
איבער די דעכער. קלינגט עס,
קלינגט אַלץ העכער — שפּאַרע, שפּיז און

בעכער! און אין כאַטקעס, און אין שטיבלעך,
און אין קעלערס —
אונטערן יאָך פון נידעריקער סטעליע, אומעטיקן לעמפּל, (ווי אַן אַלטע,
קלוגע, שוואַכע אויג) אונטערן יאָך פון טויבן, שווערן יאָר,
וואָס פרעסט אַף האָרעפּאַשנע אַקסלען, וואָס הויבן ניט אָן פילן,
אַז דאָס אַלטע יאָר איז זיי אַראָפּ פון קאַרק! — דאָרט הילכט טעמפּ
און ווייטיקדיק
די פרייד פון ניי־יאָר מאַרק.

אוי! ווי נאָענט צום ליב עס איז
דער דאַלעס
אין אַן ענגן קעלער — מיט אַ נידעריקער היטלדיקער סטעליע!

עי, ניי־יאָר! ניי־יאָר! — פאַר וועמען שפּילט דאָס
דיין קאַפּעליע? וועמען, וועמען זינגט עס אָן
דיין פרייליך־פאַרשייטער טראָמבאָן: „ניי־יאָר, ניי־יאָר, ניי־יאָר,
ניי־יאָר קומט שוין אָן!"

אוי! ווי ווייט עס איז
די ניי־יאָר פרייד פון אַלטע דירעס, אַלטע קליידער,
פון קליינע, אומעטיקע לעמפּלעך
און קאַלטע הענט!

גלעקער קלינגען.
האַמערס שווינגען!
זייערע גלעקער.
אונדזערע האַמערס!
היינט זינגט די יערושע פון דורעס
זייער געזאַנג מיט אַ צוויי־טויזנט יאָריקן מעסער.
נאָר אונדזערע האַמערס שלאָגן מיט האַסט
איבער עפּאָכעס פון בלוטיקע גזיירעס!

צום קלאַנג פון מיליאָניקע, שווערדיקע קלינגען, וואָס מערן זיך,
וואַקסן אַלץ גרעסער, קלינגען און קלינגען
די גאָלדענע פלעשער

מיט ניי־יאָר וויין, בלוט און שאַמפּאַניער
אַף „פרידלעבע" טישן פון ראַצבישע לענדער — אַמעריקע,
ענגלאַנד,

איטאַליע,
דייטשלאַנד, פראַנקרייך און שפּאַניע.
שיקערע זעלנער,
שיקערע פידלען,
שיקערע שלאַכטפעלדער און קאַבינעטן!
שיקערע, פאַרוועריזעטע עסטעטן! שיקערע
טשעלאָס און פלייטן, שיקערע
צעוואָיעטע טרומפּייטן!

אין קאַלטע קעלערס וויינען קינדער.
אין קאַלטע קעלערס פרירן, ווי די וועגט, באַיאָרטע ארבעטער,
וואָס האָבן זייערע זעכציק יאָר פאַרלייגט
אין די פעסטע, הימלדיקע גאָרנס
פון גאָלד־באַזוימטע מויערן
און פעלזיקע פאַבריקן.
קעלערדיקע ציגל וויינען
מיט פינקלדיקן פראָסט. עס וויינען טישן נאַקעטע,
עס וויינען אָפּגעבליאַקטע בעטן און דערפראָרענע מאַטראַצן,
באַוואוינטע

און באַוויינטע
פון וויטיקדיקע לייבער.

היינט זינגען צו ניי־יאָר אַ שיקערן לויב
הערצער צעוואָרעמט, צעיושעט
פון בלוטיקער גזיילע!
באַ די טישן מיט די טאַנצנדיקע גאָלדענע פלעשער
איז יעדע כריפּלע, זינגענדיקע האַרץ
אַ פאַרסאַמטע קוילע,
מיט ארבעטער־בלוט און מיט אָטעם פון רויב.

העי, רויבער! —
מיר וועלן די פלעשער אַ שאַר טאָן,
אַ קער טאָן די טישן!

מיר וועלן די שטאָלענע דעכער דורך רוימען פאַררייסן,
אַז ס'וועלן די פידלען, די טשעלאָס,
די שפּיגלנע דילן פון אַלע פּאַלאַצן,
אַז ס'וועלן די גאָלדענע פלעשער, די הימלען פון נייַ־יאָר,
פון א י י ע ר יאָר — פּלאַצן!

ערשטער מאַי־רוף

פאַרציט מיט רויטע בויגנס
אַלע ברייטע סקווערן;
פאַרפלאַמט די שויבן־שטעט
מיט רויט.
צעזינגט, צעזינגט
דעם רוף פון קאָמינטערן
איבער יעדן הויף און פּלויט.

צינדט־אָן
די מאָנומענטן און די ביימער
מיט די לידער,
און זאָלן זיי מיטזינגען דעם רוף: „צו אונדז,
מיט אונדז,
פאַרהאָרעוועטע ברידער, —
דערקענט דעם אייגענעם באַרוף".

עס גייט די זון
איבער די סקווערן
און צינדט אָף אַלע פאָנען און
פּלאַקאַטן
דעם רוף פון קאָמינטערן.

רויש און ראַש
מיט רויטן מאַרש.
צעציט, צעשטרעקט די גראָע גאַסן.
די זון צעשניידט די שטעט אָף רויטע און אָף שאָטנדיקע פּאַסן.
זאָלן ברענען שטעט

מיט אומרו און גערודער.
די זון גייט־אויף היינט פריער נאָך ווי פרי!
די זון איז אונדז א פירנדיקער ברודער.
זון איז אונדזער לויטערקייט
פון ארבעט און פון מי.

פארשלאָפּט ניט, ברידער,
דעם באגינען.
זאָל די ערשטע, רויטע רעגע פון דעם טאָג
אונדז אלעמען געפינען גרייט,
פון שארפן טאָג און רייפן וואָרט באגלייט,
צו ענטפערן דעם רוף, מיט הערצער,
צעבליט ווי זונען טראָפּישע אף יאמען.

עס גייט,
עס גייט די זון
איבער די סקווערן
און צינדט אף אלע פענימער און פאָנען,
אף אלע שויבן און
פלאקאטן
דעם רויטן רייפן רוף פון קאָמינטערן.

גרויסער טאָג

(מאַי־ליד)

וויפיל זומערס זון
ווערן פאר־דער־צייט פון הארבסט־האָגלען באגראָבן.
וויפיל העלע שטיקער לעבן
ווערן פון ברוטאלער צייט
ווי לעבעדיקע גאָלדפיש אָפּגעשאָבן.

עס טרעפן זיך אין לעבן
זוניקע צייטן.
נאָר צייט קאָן פאררעטעריש פארבייטן
א זוניקן פעריאָד
אף א טייך מיט ברודנע קריעס.

דער מענטש איז מאַיאיק פון נאַטור,
נאָר ס'האָט די וועלט אים אָנגעפּאָמפּעט מיט סעפּטעמבער־שטימונג:
די רויבער־וועלט וויל אויסראָטן פון זון אין אים דעם מינדסטן
שפּור:
אָן אייביק פינצטער גורל אים באַשטימען.

נאָר ס'איז אַ טאָג פאַראַן —
וואָס אַלע וואָלקנס גייען אים פאַרביי, —
דער טאָג פון וועלטס מיליאָנען־שפּאַן:
דער ערשטער מאַי.

דער קלאַס וואָס טראָגט אַף זיך פון וועלט און לעבן אַלע אַקסן —
דער קלאַס וואָס טרייבט פון לעבן די מאַטאָרן —
האָט געלאָזט אין זיך די גליענדיקע זון צעוואַקסן:
די דערלייזנדיקע זון פון מאַי — פאַר אַלע קומענדיקע יאָרן.

מעג יעדן ערשטן מאַי אויסזען דער הימל ווי אַן אָנגעזופּטער
כמאַרעס־פאַראַשוט,
וואָס וואָלט איבערן טאָג געזונקען:
אַלציינס לעבט שטענדיק אין זיקאָרן פון מיין קלאַס דער טאָג פון
פריי און פרייד און בלוט —
דער מאַי־טאָג — אַ צעזונטער.

פאַראַן אַזוינע טעג,
וואָס לייכטן זיך אַליין ווי זונען.
דורך שוואַרצע טעג האָט זיך דעם וועג מיין קלאַס צו אַזאַ טאָג
געפונען:
נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, —
און מיר וועלן דורך אים
די וועלט האָבן געוואונען.

מעגן רעגנס אַלע יאָר דעם ערשטן מאַי דערטרינקען,
מעגן פייער־בייטשן — פון הימל און ערד — איבער דער וועלט,
אונדז שמייסן:
אונדזער בונד מיט ערשטן מאַי קאָן שוין קיינער ניט צערייסן:
סייוויסיי און סייוויסיי
געדענקען מיר מ י ט ז ו ן דעם ערשטן מאַי.

אונדזערע זאַץ־מאַשינעס

דרוק. דרוק.
זאַץ־מאַשינעס, דרוק־מאַשינעס, בויגנס.
אָס נאָך אָס.
וואָרט נאָך וואָרט,
זאַץ, געדאַנק און אויגן.
דרוק.
יעדער פינגער אַף אַ שליסל
טוט מיט האַסט די וועלט אַ רוק.
בויגנס —
אויפגעלייגט,
צעצויגן,
אַ וואַל, אַ דרוק, אַ הויב
און אויפגעפלויגן —
אַ לאַנד,
אַן אויפשטאַנד,
אַן עפּאָכע ! —
אַ קלאַס אין זיין דערלייזונג
און אַ קלאַס אין אַ קאַדאָכעס !
אונטער פלינקע, גרינגע פינגער
ריידן שליסלען רירעוודיק און שפּרינגען.
עס רעדט, דערציילט די דרוקעריי :
איין לאַנד איז קראַנק,
אַן אַנדערע — פאַרביי.
פינגער קלאַפּן, גלעטן, קלייבן
זאַץ פון הייסן בליי :
סאָוועטנלאַנד וויל אַלעמען באַפרייען,
אַמעריקע וויל אַלעמען צעטרייבן.
הייסע שורעס — הייסע טעג :
גרייטע מאַסן,
גאַסן, סקווערן
אין כאַבאַראָווסק, ניו יאָרק און וויניפּעג
מיט לאָזונגען פון קאָמינטערן.
היטלערס כוצפּע בליט פון בליי.

קעגן אים,
פון צוויטן לינאָטיפּ,
בלענדט גרייטקייט פון ווערדינגער מאַי!
דאָ שליסט מען האַלבע טעג
די ביבליאָטעקן!
ראַטנלאַנד באַשטימט מיליאָנען
אַף קולטורהייזער און קלובן
פון קאָזאַקן, אידן און אוזבעקן!
ווירעם ציען,
בויגנס פליען — ווייס און שוואַרץ און רויט.
שוואַרץ וויל איינשמירן, פאַרמעקן,
יאָגט־נאָך רויט
און וואַרפט מיט ברייטע פלעקן.
נאָר רויט איז רויט!
און זעצער זעצן — ווי עס גייט!
פינגער פאָלגן אויס די אויגן,
אויגן פאָלגן־נאָך די פינגער.
ס'דיקטירן ליגנערשע און פרייע צינגער:
שוואַרצע בויגנס, רויטע בויגנס —
הייסע ווינט־פליגלען
איבער דרוק־מאַשין צעפלויגן.
קלאַפּן קלאַמערן און פינגער.
ערד און וועלט ווערט עלטער און ווערט אינגער.
אַ שורע — ניי.
אַ שורע — אַלט.
צווישן שורעס ברענט אַ דורכיקער,
צעטיילנדיקער שפּאַלט. —
אַ שורע מאַי,
אַ שורע מאַרט,
אַ שורע — שאַרפער האַק — אָ ק ט אָ ב ע ר!
דרוק. דרוק.
פאַרפּוצטע ליגנס
פון לאָנדאָנער און וואַשינגטאָנער הערן
ווען שאָלעם,
און יונגע נייס פון „בירא־בידזשאַנער שטערן"
ווען די אידן פון וויטעבסק,

גראָדנע, ריגע, שפּאָלע,
וואָס בויען בירא־בידזשאַן.

פון גוטענבערגס דרוק
ביז דער מאָדערנער זאַץ־מאַשין
איז שאַרפער, סאָוועטישער דין ! —
שלייפן אקאדעמיקער זעבציק נייע שפּראַכן
פאַר פעלקער אָן אייגענעם בוך, —
מיט שווערע, טויבע פּאַפּאַכעס
איבער אויערן און אויגן.

אָס
נאָך אָס.
וואָרט
נאָך וואָרט.
זאַץ, געדאַנק און אויגן.
דער זאַץ אַהער,
און יענער אַהין, —
פייער פליסט פון צעלאָזטן צין ! —
רויט און רויטער ווערט
דער פליענדיקער בויגן.

מיין פּאַרטיי

(צום 15־יאָריקן יובילײ פון דער קאָמפּאַרטיי אין אַמעריקע)

איך בין דער ערשטער קנעכט
פון אַלטן באָוול און עגיפּטן :
איך האָב די גאַנצע ערד
אָפּ ברויט־פּאַסן צעשניטן,
איך האָב דעם אויסזען פון זומפּן, פון וויסטן,
פון שטעט און פון לענדער געביטן,
און הונגער געליטן.
איך האָב טייכן, קאַנאַלן און שטראָמען געקירעוועט
און מיין מאַמע, מיין ווייב און מיין טאָכטער

האָבן אַ צודעק אַפן לייב פון לאַטעס זיך געצירעוועט. —
אַ מאָדנע וועלט! —
און איך האָב ניט פאַרשטאַנען:
מיט מיינע הענט אַליין זי אויפגעשטעלט
און פאַר מיר אַן אָרט, אַביסל פרייד
איז ניט פאַראַנען!
מיינע אָרעמס און אַקסלען
זיינען מיט ראָסטן באַוואַקסן! —
איבער זיי האָט די וועלט אירע רעלסן צעלייגט און צעבויגן,
איבער זיי האָט די וועלט אירע לעקטרע־קאַבעלן צעצויגן,
איבער זיי האָט די וועלט אירע בריקן צעהאַנגען,
איבער זיי איז די וועלט — פון פּאָמפּעי ביז ניו יאָרק —
צו ציוויליזאַציע און גאָלדענעם פּראָגרעס דערגאַנגען.
און איך — וואָס?
פון אַלע ראָסטן אַף מיין לייב — פון קייטן פרעסט דער ראָסט! —
קייטן צו פאַריאָכן,
קייטן —
פאַר האָבן קענען הונגער־האָר פאַרבראָכן.
איך האָב פעלזן אויסגעוואָרצלט
און איינגעוואָרצלט קראַכן
מיט אַלע גוטע זיבן זאַכן,
איז ווי האָט מען מיין וועלט־אויפבוי פאַרטיילט?
די הינט — די ווייבע, וואַרימע פּאַלאַצן, און מיר —
דעם קעלער, די טורמע, די הייל.
עס לויפן מיינע באַנען, מיינע שיפן,
איך בוי זיי און באַהייץ זיי, לאָד און פיר זיי!
איך שמיד, איך יאָג די רעדער פון טעכניק,
און ס'פליען הויך די אַקציעס אַף בירזשעס!
און די הענג־שטריק, טויט־שטולן און גילאָטינעס —
איך אַליין בוי זיי,
איך אַליין פאַרגרייט און שמיר זיי!
קאַנאָנען בוי איך, שווערדן שלייף איך,
האַקנקרייצן מאָל איך, און אַזוי
די פּעטליע אַף מיין אייגן האַלדז פאַרשטייף איך.
אַזוי אין אַלטן באָוול בײַ האָלץ־האַקן און אַקערן,
אין אַלט־עגיפּטן בײַ די טורעם־ווענט און פּיראַמידן,

אין רוים און גריכנלאַנד באַ שטיין און מירמל־בערג,
באַ טעפּעריי און שניצן אין באַמבעי. —

וויטיק פון נויט, באַליידיקונג און קייטן
האָט געשניטן ביזן ביין,
נאָך דעם גאַנג פון דער וועלט איז שווער געווען פאַרשטיין.
האָב איך געשלעפּט
מיין גוואורע און מינע וואונדן אין טראַנטעס
פון באַוול דורך רוים און דורך כינע, דורך ענגלאַנד און
רוסלאַנד, טערקיי, דורך דייטשלאַנד און פראַנקרייך,
ביז סאַן פראַנציסקאָ, ניו יאָרק און אַטלאַנטע:
אַ וועג — אונטער בייטשן און ביקסן, אין בלוטיקע קייטן,
אַ וועג — מיט פּעסט און הונגער און מאַרטירער־טויטן.
און וואָס פאַרשטיי איך איצט?
אָ, איך פאַרשטיי!
די יאָרן שאַרפע וויטיקן האָבן מיין געהער פאַרשפּיצט!
איצט וויים איך וואו איך שטיי:
איך בין איד און אַראַבער,
כינעזער, יענקי, דייטש און רוס און נעגער;
איך בין דער טרעגער
פון לאַסט און לידן, פון לעבן און ליכט;
איך בין דער טרעגער פון דעם טרעגערס פליכט:
די פרעמדע לאַסט אראָפּוואַרפן פון זיך!
איך האָב געלערנט אַלעף־בייס באַ קאַרל מאַרקסן,
איך וויים שוין היינט אַביסל מער:
מיין גוואורע פאַרהאַקט שוין דער אַלטער וועלטס אַקסן, —
ברענג איך נייעם שטייגער אַף דער ערד.

געטער, געטשקעס, גאָטס גאַנאָווים, גרוים און קליין
האָבן אונטערטעניקייט און „ווישער" מיך געלרנט,
ביז מאַרקס האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין:
„בריך די קייטן — האָסטו ניט וואָס אָנצואָווערן!"
האָב איך מיין קאָפּ געגעבן
דער פּאַריזשער קאָמונע,
געקעמפט אַף באַריקאַדן אין מאָסקווע, ווין און רויטן וועדינג,
און אין רוסלאַנד באַגראָבן מיין פינצטערן יאָך

מיט דער לעצטער צאַרישער טרונע.
איצט קעמף איך אין סקאַטסבאָראָ, פּריסקאָ, ניו יאָרק,
סיאַטל, דעטראָיט און רעדינג,
איצט ברענג איך מיט אימפּעט דעם בראָך
אין וועלטישע אַלע פיר עקן,
ווייל דאָס, וואָס מאַרקסיזם שטעלט איין,
קאָן קיין שום קויעך ניט פאַרמעקן.

וואָס איך האָב נעכטן ניט געוואוסט, ווייס איך איצט. —
ס'האָט לענינס אָקטאָבער מיין עמעס
מיר אין האַרץ און מאַרך אַף אייביק איינגעקריצט:
איך זע זיך — פון מיין מאַמעס טרערן־וויג
ביז אין בלוטיקער טראַנשיי.
איך זע זיך אין ליכט פון מיין פּאַרטיי.

איך זע איבער אַמעריקע מיין לאַנד
ווי דער קויעך פון דער קאָמפּאַרטיי צעוואַקסט זיך נאָכאַנאַנד
איבער פעלדער, מילן, מאַינס און גיסערייען;
אין יעדער וואָרט — אַ ליכטיקער לאַמטערן
פאַר דעם אַרבעטערס פאַרשטאַנד:
„מיר מוזן קעמפן, אויב מיר ווילן לעבן,
און אונדזער פרייד באַפרייען!"
איך זע די פופצן יאָר פּאַרטיי.
איך זע דעם ערשטן טאָג פון זיי.
איך זע די יאָרן פריער:
איך בין האַרט געווען, און הורן — מיינע פירער.
— האָט איר געגלויבט?
— „אין אַמעריקע? האָ! ניט באַ מאָטיען! ניין!"
איר האָט די שאַרפקייט געגלויבט
פון אַמעריקעס גאָלדענע ציין!
נאָר די פּאַרטיי האָט הייסן שטאָל געגאָסן
פופצן פולע יאָר,
געזעצן באַזיגט, בויאַנעס, ביקסן און גענאָסן.
איצט ווייסט שוין מיין לאַנד: ניט אוטאָפּיע, ניין!
און ניט קיין „פרעמדע־ראַדיקאַלן־טרוים!" —
ס'איז אַמעריקעס אייגענע קאָמוניסטישע וואָר.

אַמעריקע ווייסט שוין און זעט:
די יוגנט אירע טרעט
אירע גאָלדענע טראַדיציעס,
און שרייבט אין הויכשול־קלאַסן גאַרניט די אַמאָליקע קאָמפּאָזיציעס,
און שליידערט צוריק מיט כויזעק די צוגעזאָגטע מעגלעכקייט
פאַר די כיים סאָלאָמאָנס, ראָקעפעלערס און ווילסאָנס אַמביציעס.

הונגעריקע מאַסן דאַרף מען פירן!
סיי זיי קומען פון דאָרף, פון פאַבריק,
סיי פון אוניווערזיטעט.
ציטערן פון „ווייסן־הויז" די טירן:
ס'האָט מיין פּאַרטיי געבראַכט פון לאַנד די הונגעריקע שטעט.
פון מויל רעדט הונגעריקער צאָרן,
מיט שפּראַך פון אַרבעטער און פּויער, לערער, שרייבער, פּראָפעסאָרן:
„אונדזער ברויט וואו איז,
און הויז און שיך און אָנגערויבטע יאָרן?!"

לאַנד מיינס, לאַנד מיינס, זיי נעגריסט:
מיין פּאַרטיי איז פופצן יאָר געוואָרן.

פלאַקאַט פאַרן ערשטן אַווגוסט

צו אַלעמען, צו אַלעמען
שיקן מיר דאָס וואָרט.
אין יעדן שטאָט פון לאַנד,
אין יעדן לאַנד און יעדן אָרט
וואו ס'אַרבעט אונדזער האַנט.
צו אַלע כעמיקער, דערפינדער,
צו אַלע מיינערס אין די שאַכטעס, —
אַלע אויפגרעבער פון האָב און גוטס,
און צו דער אַרמיי, וואָס באַוואַכט עס.
צו די שטריקער און וועבער פון קאַראָליינע, פּאַסייק,
פּעטערסאָן און לאָרענס,
צו די בויער פון טורעמס פון הונדערטער גאָרנס,
צו די שמידער פון טראָקס און אָטאָ־מאָטאָרן,

עלעקטראָ־דינאַמאָס, עקסקאַוואַטאָרס און טראַקטאָרן,
צו פּאַראָוויק־הייצער, צו שטאָלגיסער,
צו מילנער און צעמענט־מישער,
צו שניידער, שוסטער, שערער,
צו טראַק און טראַם־טרייבער, צו שוויים־לייבער
פון לאַסט פון איינגעשפּאַנטן לעבן,
צו די אַרבעטער אויף לאַנד־שליאַכן, צו אינזשענערן, מאַשיניסטן,
צו הונדערט מיליאָן אַרבעטלאָזע,
וואָס שלאָפן און דערנערן זיך אויף מיסטן,
צו אַלע האַלב־דערטראַכטע און האַלב־זאַטע,
צו אַלע פירער פון די קרייצערס, באַנען על און סאָבוויים, עראָפּלאַנען,
צו אַלע דרעילערס און שלעסאַרעס,
צו יעדער האַנט, וואָס האַלט אַ זעג, אַ האַק, אַ דלאָטע,
אַ קירקע און אַ האַמער,
אַ לאָם, אַ לייט־אייזן, אַ קלאַמער.
צו אַלע, אַלע אַרבעטער פון גרויס־פאַבריק אַ מ ע ר י ק ע,
וואָס ווערט אין אַ מילכאָמע־שאָ איין לאַנד־פירמע —
ווי דיוו־פּאָנט צי ווי קרופּ.
צו אַלע נעגערס, ווייס, צי געל צי שוואַרץ,
וואָס פּראָדוצירן די פּאַרמעגנס, —
פון שיך און זאָקן, ביז גאָלד און אייזן־אַרץ.
צו די אַרבעטער בײַ פּרעסע און טעאַטער,
צו די אַרבעטער בײַ לידער, עסייען, רעפּעראַטן,
צו די שמידער פון האַרמאַטן,
צו דער געשמידטער און ניט־געשמידטער טשעין־גענג פון די
שטאַטן, —
אין פאַבריקן און אויף פעלדער, — די קומענדיקע העלדן
פון לאַנדיקן אָקטאָבער.
צו אַלע אַרבעטער פון גרויסבריטאַניע,
איטאַליע, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און עסטאָניע,
צו די אַרבעטער פון פּוילן, ליטע, לאַטוויע און שפּאַניע,
צו אַלע אַרבעטער רומעניע, און פון די זיד־שטאַטן לאַטייניש,
פון כינע, פינלאַנד און יאַפּאַן,
פון אייז־יאַם ביזן עקוואַטאָר,
פון גריכנלאַנד, בראַזיל, אויסטראַליע, מעקסיקאָ און שוועדן. —
פון אומעטום, צו אַלעמען, צו יעדן:

נ י ט ג ע ר י ר ט א ו ן נ י ט ג ע ש מ י ד ט !
אין יעדן ריר דער פולווער גליט
פון אייביקע בארויבער,
וואָס שטייען באַ דער אַרבעט, הינטער דיינע פּלייצעס,
זיצן אין זשענעווע, פּיילן פּוילע פּראַזן, זוכן זיידענעם „צויבער"
צו פאַרנאַרן דיין קאָפּ און דיין אָרעם
אין זייערע שטענדיקע פּלענער פון רויב און מילכאָמע
קעגן דיין אייגענעם ברודער,
וואָס איז פאַרהונגערט, פאַרמאַטערט, צעבראָכן און אָרעם.

נ י ט ג ע ר י ר ט א ו ן נ י ט ג ע ש מ י ד ט !
א ו נ ד ז ע ר ב ל ו ט א י ז ד י ר ו י ב ע ר ס פּ ר אָ פ י ט !

מיר זיינען שמידער, מיר — די דערפינדער!
אָט זעט:
ס'שטייט די וועלט. — טאַטעס, ברידער און קינדער. —
איז ווער פון אונדז וועט ווערן דול, ווער,
און פאַר זיי פאַרגרייטן פולווער?
ווער זעט ניט פאַראוים אין אונדזערע אייגענע היימען איבער דער וועלט

אַלע גרוילן
פון די קאַסטנס, שיפן, באַנען קוילן,
וואָס איר מאַכט און פאַקט און שיקט,
צו שעכטן און צו שיסן, —
דורך אייער האַנט אַ יאַם מיט בלוט זאָל פליסן, —
פון די ברידער אייערע, פאַרפּאָלגט און אונטערדריקט,
אין יעדן לאַנד, וואו ס'הערשן רויבער, ווי דיינע באַלעבאַטים,
פון פרימיטיווער כינע ביז די מאָדערנע פאַראייניקטע שטאַטן.

נ י ט ג ע ר י ר ט א ו ן נ י ט ג ע ש מ י ד ט !
א ו נ ד ז ע ר ב ל ו ט א י ז ד י ר ו י ב ע ר ס פּ ר אָ פ י ט !

אַנטוואָפּענונג
איז בלויז א ו נ ד ז ע ר עמעס!
באַגרייפסטו דאָס, איז קום און נעם עס! —
צו די ביקסן? יאָ צו ביקסן, ברידער! —
צו די ביקסן, לאָזונגען און לידער
פון אַ רויטער אַרבעטער־אַרמיי.

דעמאָלט וועסטו נעמען זיך
דיין אַרבעט, פרייד און לעבן.
דעמאָלט וועסטו נעמען זיך דיין זיכערקייט פון אַלע טעג.
ווייל דיינס וועט זיין
די האַס און זעג און ס׳גאַנצע לאַנדיקע פאַרמעג.
נאָר איצטער זע, דערקען
די זשענעווער פאַנצער־דעקלאַמאַטאָרס,
זייערע רויב־לידער מיט פייערן באַוואָרפן.
ווער אויס סטאַטיסט אין זייער בלוטיקן טעאַטער,
וואו יעדעס וואָרט מיינט פאַנצערשיף, און יעדער שמייכל —
שווערדנשאַרף.

נ י ט ג ע ש מ י ד ט א ו ן נ י ט ג ע ר י ר ט !
ש ל אָ ג ט ז י ך, ק ע מ פ ט א ו ן פּ ר אָ ט ע ס ט י ר ט !

קומט אַרויס מיט אונדז אויף סקווערן.
זאָל די רויבער־וועלט דערהערן
קלאָרע רייד פון גרייטן ווילן:
מירן ניט לאָזן מער מיט קעפ זיך שפּילן!
מירן מער ניט שמידן
קיין האַרמאַטן קעגן פרידן!
מירן מער ניט קניען פאַר דיין „לויב"
און ניט שטאַרבן פאַר דיין רויב.
מירן מער ניט גיסן קיין מעדאַלן
פאַר אייגענע ברידער, וואָס פאַלן
דורך שווערדן, פון אונדז פאַר דיר געפּיילטע.
מירן קיין העלדזער מער ניט ניט שניידן, צו העלפן אייך פאַרמיידן
קאָנקורענץ אין רויבער־מאַרק, דורך צוואַנג־אַרבעט געאיילטע.
מירן מער ניט ליידן!
מער ניט שטאַרבן!
פאַר לעצטער און איינציקער שלאַכט נאָר זיינען מיר גרייט:
אונדזערע העמדער, ברוסטן און פאָנען מיט אונדזער בלוט צו
באַפאַרבן, —

צו האָבן אייך אַלע באַגלייט
אין אייער קייווער דעם לעצטן.
און וועלן מיר היינט נאָך בויען האַרמאַטן
און פורעמען מינען,

װעט דאָס זײַן צו פֿאַרהיטן דאָס לאַנד פֿון די ראַטן,
װעט דאָס זײַן צו פֿאַרהיטן סאָװעטישע קינע,
פֿאַרהיטן פֿון אײערע רױבערישע אָרעמס,
װאָס שטרעקן מיט שװערדן איבער גרעניצן פֿון מיזרעך און מײרעװ,
און װערן געשטאַרקט פֿון צאַפּן און דאַרעם.
די הענט אַװעק!
די רױב־קאַסטנס און זעק אַװעק!
די ביקס אַװעק, די שװערד.
מיט אױפֿריים ברענט דאָס זעקסטל ערד! און מיר אַלע — אין
איר ברען.

הײַנט קומען מיר און זאָגן:
מירן ניט שיסן מער קײן קױלן אין אײגענע קעפּ,
אין אײגענע הערצער,
ניט אױפֿשנײַדן אײגענע מאַגנס
אַף אײער באַפֿעל.
מירן ניט פֿאָלגן,
װי מירן ניט הונגערן מער, הינטישע פֿעל!
אונדזערע הײמען װעלן ניט זײַן מער קײן קאַלטע טראַנשײען,
אין הונגער און װײטיק
צו האָדעװען פֿאַר אײַך אַרמײען.
די געשיכטע איז פֿול מיט בלוטיקע קװאַרים פֿון די,
װאָס האָבן אױפֿגעבױט די װעלט.
איצט האָבן מיר געראַטעװעט אַ זעקסטל, און דאָס זעקסטל
אױפֿגעהעלט
דורך רױטער פֿאָן און שטערן,
דורך געזעץ פֿון קאָמינטערן,
דורך שלאָגלער־הענט פֿון אַרבעטער און פּױער,
דורך קאַמף מיט אײַך, דורך לײַדן און דורך דױער,
דעם פֿונדאַמענט פֿאַרזיכערט, לאָזונגען צעװיכערט
פֿאַרן װעלט־זיג פֿון סאָציאַליזם,
זיג פֿון פֿופֿצן יאָר, װאָס האָבן אײַך באַװיזן,
אַז מיר האָבן אַרבעט, האָבן ברױט,
האָבן טײ און זופּ און קרױט,
האָבן קלײדער, האָבן דירעס,
װײַל פֿרײַהײט האָבן מיר,

און סיי אינזשענערן ביי ווירעס, סיי מוזיקער ביי לירעס
ארבעטן פארן סאָציאַליזם.

איר באַפאַלט מיט שווערדן
אונדזער מאָגער שטיקל ברויט.
און אייער יעדן לאַנד טראָגן מיר צייכנס פון שלאָג־אייזנס
אַף אונדזער ביין און הויט.

נאָר היינט זיינען מיר
אַף אַלע סקווערן פון דער וועלט.
אונדזער גאַנג וועט היינט צעפּולווערן אייער באַפעל!
כינע וויל ניט זיין קיין לאַסט־וואָגן, קיין שלעפּ־וועגל,
קיין ריקשא מער פאַר אייך.
די קאָלאָניאַלע פעלקער ווילן ניט רויט־פארבן זייערע קאָלאָניעס,
ווי א טייך

פון פיש צעבלוטיקטע פון שפּיזן.
ווייס־און־שוואַרץ־גוואַרדייער פון אַלע לענדער:
מיר זיינען אין יעדן לאַנד פאַראַן!
אונדזערע הענט זיינען גרייטע גראַנאַטן
צו פאַרטיידיקן כינע און אונדזער זיגרייך פּאַטערלאַנד —
דאָס ערשטע לאַנד פון די ראַטן.
הואַווער, הינדענבורג און וואַנדערוועלדע,
מיר קומען דורך שטעט, דערפער און וועלדער,
מירן אויפקירעווען די ברענענדיקע שטראָמען
אַף אייער פוילן געביין.
ניט פאַר אייך, נאָר קעגן אייך
וועלן מיר אין קריג איצט גיין. קעגן! קעגן!
מיר געדענקען די ראַזינס, די מאַלי מעגווייערס,
און די פּאַריזער קינדער פון 1871.
מיר זיינען די ברידער פון די העלדן אַף דער „פּאָטיאָמקין”,
מיר זיינען די ברידער פון די מאַטראָסן אַף דער „אווראָראַ”,
די ברידער פון די פאַרסאָנס, וואַנזעטים און יאָרקס,
מיר זיינען די ברידער פון פאַרהונגערטע אין קאַפּיטאַליסטישן מאָרג.

ניט גערירט און ניט געשמידט!
אין יעדן ריר דער פּולווער גליט
פון אייביקע באַרויבער!

נ י ט ג ע ר י ר ט א ו ן נ י ט ג ע ש מ י ד ט !
א ו נ ד ז ע ר ב ל ו ט א י ז ד י ר ו י ב ע ר ס פ ר אָ פ י ט !

נ י ט ג ע ש מ י ד ט א ו ן נ י ט ג ע ר י ר ט !
ש ל אָ ג ט ז י ך , ק ע מ פ ט א ו ן פ ר אָ ט ע ס ט י ר ט !
ק ע ג ן ה ו נ ג ע ר , ק ע ג ן ק ר י ג .
ק ע ג ן ר ו י ב א ו ן ק ע ג ן ט ו י ט .
ק ע ג ן ש ו ו א ר ץ — ג י י ט ר ו י ט ! ר ו י ט !

באָדי קומט אַהיים

(מיניאַטור מילכאָמע־ראָמאַן פון 1918—1917)

מאָבילי־זאַציע !
יעדער שטאָט —א וואַלד
מיט היסטעריש בלוט און בלוי צעשמירטע דעקאָראַציעס :
די „דערלייזנדיקע״ שאָכטים פון דער „נאַציע״
האָבן אַלע ווילדע שליוזן אויפגעפּראַלט :
א וואַלד, א ווילדער
וואָיענדיקער וואַלד מיט כאַיעס
אינמיטן פון א סריפּעדיקער נאַכט :
נאַציאָנאַלן העדלנמוט איבערן לאַנד צעליאַרעמט,
יענקי־שטאָלץ אין אַלע ראַסן איינגעוואַרעמט,
יונגוואַרג אויסגעקליידט
מיט ביקסן, גאַז־מאַסקעס, מונדירן :
„דאָס לאַנד איז גרייט״ — — — —
מילכאָמע פירן.

דרייסיק, פערציק טויזנט, א מיליאָן !
איין נאָמען — „באָדי״ פאַר אַלעמען.
איין נאָמען, איין וועלטישע בלוט־בילד,
איין לעבעדיקער מאַסן בייסאַלמען.

באַנען, שיפן, באַנען,
ווי זשעדנע פרעסערישע יאַמען
שלעפּן סאָפּנדיק דעם לעבעדיקן רויב.
קאַלעס ווערגן זייער וויטיק מיט פּאַטריאָטישע מאַנירן.
פון לאַנד דער ליאַרעם שיקערט

מיט יוגנט, רויך און טויט און טרערן.
„העי, אָרקעסטער! לאָז זיך הערן!"

האָבן באַנען, געפּאַקטע מיט יונגוואַרג, העפּקער און שווידער
הייסן הילפלאָזן געוויין פון שטעט מיט מאַמעס
מיט טויזנט סירענעס שניידנדיקן וואָי אין טונעלן צעפּייפט.
לאָקאָמאָטיוון פּאָלגן מאַשיניסטס באַפעלן.
האָבן איבערן לאַנד צען טויזנט שטאָלענע רעדער
די גליענדיקע רעלסן
ווי וועלט־לאַנגע שווערדן געשליפט.

מאַמעס קריגן בריוו
פול מיט טויט און שרעק.
קאַלעס זוכן אין קאָנווערטן רויזן,
נאָר יעדער גרוס און קוש מיט פּולווער שמעקט.
אַלע הערצער קלאַפּן מיט איין הייסן וואָרט: „אַ בריוו!"
און קריגט מען, —
שרעקן די פּאָר ווערטער, וואָס ביזן אָנקומען אַוועק.

טויטן־ליסטן, טויטן־ליסטן
טאָג־טעגלעך שוין די פּרעסע דרוקט.
ווי שטיקער פּייער — אויגן,
אין טויטע נעמען איינגעביסן:
עפּשער האָט אין אויפרעגונג אַ מאַמע
איר באָדין דאָ פאַרקוקט:
זוכט זי, זוכט,
ווי ס'זאָל אין אָפּגעדרוקטן נאָמען סימען לעבן נאָך געווען;
ווי זי זאָל אין די „מאַציייווע"־בוכשטאַבן
איר באָרים לעבעדיקע אויגן זען.

אָפּטמאָל קומט אַ טרייסט־בריוו: „מאַמע, זאָרג ניט.
איך קעמף פאַר דעמאָקראַטיע. אַלץ גייט ווי געהעריק.
מיר קלייבן זיך דערלאַנגען אונדזער סוינע מאָרגן,
און ווייזן וואָס עס קאָן אַמעריקע".

דער קריג האַלט אָן.
און אין קריג איז אַ רעגע ניט גאַנץ אַ גאַנצער מיליאָן.

פאַרלאַטעט אַ האַנט,
פאַרליאַפּעט אַ פּוס, —
„גיי ווייטער, גאָר־אָן!"
נאָר האָסטו דאָס גליק: געלאָזן די פּיס,
צי די הענט אפֿן פעלד, —
פאָרסטו צוריק אהיים — אַ העלד.

— מאַמע, מאַמע! באָדי קומט!
באָדי איז שוין דאָ!
— נו, גיכער, אַלע, צו דער שיף!
— ניין, מאַמע, ניין!
— וואָרום?
— זעט נאָר וואָס די טעלעגראַמע זאָגט.
— די טעלעגראַמע זאָגט: „מ י ר ג ר י ס ן!
באָדי, אייער זון, קומט היינט אַהיים.
זייט רואיק: מיר ווילן איר... זאָלט... וויסן...
מירן אים ברענגען ווען די זון וועט אונטערגיין".

די מישפּאָכע און דער טיש איז גרייט.
בלומען — אַף די פענצטער און די טירן.
די היים איז פול מיט מענטשן און מיט פרייד.
נאָר ס'פלאַמט די פרייד מיט צעשראָקענע קאָלירן.

— מאַמע, זע, — די זון
איז אין האָדסאָן שוין אַריין!
— יאָ, יאָ, מיין קינד,
באָדי וועט שוין באַלד דאָ זיין.

דאָס גלעקל קלינגט.
יעדנס האַרץ ציטערט, כאַטש עס זינגט.

די טיר איז אָפן.
ס'האָט דאָס שלאַכטפעלד איצט ערשט אַלעמען געטראָפן:
אָ ן ה ע נ ט א ו ן אָ ן פ י ס,
מ י ט אַ ג ע ג אַ ל ט ן ק אָ פּ,
א י ן אַ ק ע ס ט ל, ב אַ ז י י ן ב ע ט - פּ אַ ר ע נ ט ש,
ה אָ ב ן ז ע ל נ ע ר א ו ו ע ק ג ע ז ע צ ט —
מ י ט אָ פ ע נ ע א ו י ג ן — אַ ה אַ ל ב ן מ ע נ ט ש.